STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04727

IN VINTERVALD

David Kassel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד קאסעל.

אין ווינטערוואלד.

עשוהלע אין איין אקט

ווארשע 1920

פערזאנען:

שלמהלע
רחלע } ברודער און שוועסטערל.

ווייסמענטשעלע — א קליין מענטשעלע, טראגט א לאנגע ווייסע פארד און א רויטע מיץ אויפן קאפ. אויף די פיס — ווייסע וואטע-שיך.

ווינט-יינגעלאך — טראגן רויזע העמדלאך אויף קורצע הייזלאך. אויפן רוקן — גרויע פליגלען; אויפן קאפ — צושפרייטע גאלדענע האר; אויף די פיס — שיך מיט פאסן.

שניימיידעלאך — טראגן ווייסע גלאנציגע וואטע-קליידלאך, אין די האר-אנגעשאטן שטיקעלאך וואטע, בעגאסן מיט בורע-וואסער, עס זאל גלאנצן; אויף די פיס — שיכלאך באלייגט מיט וואטע.

דאס יינגעלע פון ווינטערלאנד — א געשקט יינגעלע, איינפאך, כמעט פויעריש אנגעטאן, מיט א הארמאניק אין דער האנט.

אלע קינדער פון 8 — 10 יאר.

ערשטער אויפטריט

א טאַנען-וואַלד. די ביימער בעשאָטן מיט שניי. פון אויבן דרינגט-אַריין דאָס ליכט פון דער לבנה. א קאַלטע ווינטערנאַכט. צווישן די ביימער דרייען זיך אַרום צוויי קליינע קינדער — שלמהלע און רחלע, ביידע וואַרים אָנגעטאָן.

רחלע.

(קוקט זיך אַרום דערשראָקן): שלמהלע, מיר האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט...

שלמהלע.

(זוכט דעם וועג): ווי אַזוי וועלן מיר קומען אַהיים?

רחלע.

(וויל וויינען): איך שרעק זיך..

שלמהלע.

וער'סטו, שרעקען זיך באדארף מען נישט׃ מיר וועלן מסתמא געפינען דעם וועג.

רחלע.

(נעמט אים אן פארן ארבל)׃ און וואס וועסטו טאן, אז א וואלף וועט ארויסשפרינגען פון צווישן די ביימער? די מאמע זאגט, אז ביינאכט איז שטענדיג פול דער וואלד מיט וועלף...

שלמהלע.

(מאכט זיך מוטיג)׃ ע, איך שרעק מיך נישט פאר זיי. איך וויל נאר געפינען דעם וועג (זוכט).

רחלע.

(פארגעסט זיך און פרעגט מיט א לייכטערן טאן)׃ און פאר מכשפים האסטו מורא?

שלמהלע.

ווי קומען אהער מכשפים?

רחלע.

(טוליעט זיך צו אים)׃ מכשפים וואוינען אויך

און וואַלד...

שלמהלע.

(נישט זיכער): דאָ אין וואַלד זיינען נישטאָ קיין מכשפים. זיי וואוינען גאָר אונטער די הרי-חשך.

רחלע.

(פאַרטראַכט): דאָ וואוינען מכשפים און וואַלדקאַלאַכעס און רוחות און שרעטעלעך... איך איך ווייס, די מאַמע האָט מיר פאַרציילט...

שלמהלע.

(שטעלט זיך צו): וואָס טוט מען? איך געפין דאָ נישט דעם וועג...

פון ערגעץ דערטראָגט זיך אַ משונהדיק פייפן און אַ בריל. די קינדער כאַפּן זיך אַרום און שפּאַרן זיך צו צו אַ בוים.

רחלע.

(וויל וויינען): איך האָב מורא... דאָס זיינען וואַלקאַלאַקעס... וואַלקאַלאַקעס, זאָגט די מאַמע, פייפן און שרעטעלעך מאַכן אַהו-ו-ו-ו!...

שלמהלע.

ש... ש... ש... רייד נישט.

עס ווערט שטיל און צווישן די ביימער פאלט לאנגזאם א געדיכטער שניי.

שלמהלע.

רחלע, לאמיר זיך צוזעצען אויפן ביים, וואס ליגט דא אין שניי. איך בין מיד און די פיס בויגן זיך מיר.

ביידע גייען לאנגזאם און דערשראקן צום ביים, זעצן זיך אנידער און טוליען זיך איין אין איינאנדער.

רחלע.

שלמהלע, אהיים וועלן מיר נישט קומען. א וואלף וועט אונז כאפן, א מכשפה וועט אונז פארשלעפן, א שרעטעלע וועט אונז אוועק־טראגן, א רוח וועט אונז אויפהויבן אין די קאל־טע וואלקנס... און מיר וועלן וויינען... וויינען... וויינען...

שלמהלע.

ש... ש... ש... רייד נישט אזוי.

רחלע.

(אין א ווײלע אַרום): שלמהלע, ווײסט, אַז ווען דו שרעקסט זיך, העֶר איך מיך אויף צו שרעקן...

שלמהלע.

די אויגן קלעפּן זיך מיר. איך וויל שלאָפן...

רחלע.

שלאָף נישט, שלמהלע... עס איז נאַכט אין וואַלד...

שלמהלע.

אַז איך מאַך צו די אויגן, זעה איך אַ ווײס בעטל, די מאַמע... (רעדט ווי פון שלאָף).

רחלע.

(ווערט אומפאַרשטענדליך פרײליכער): איצט שרעק איך מיך שוין נישט, נאָר איך בײנק נאָך דער מאַמען, די מאַמע וואַרט אויף אונז...

פּויזע.

שלמהלע.

(רעדט פון שלאָף): געגאַנגען צום ווײדען אין

דאָרף און זיך — — — פֿאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד,
אין גרוי — — — סן וואַלד...

רחלע.

שלמהלע, דו שלאָפֿסט? שנייעלאַך פֿאַלן... (ווינט אים און זיך). אַליע־לוליע, שלמה׳־לע... דאָרטן וואַקסט אַ ביימעלע... (שטילער). קוקט אַ ייִנגעל מיט אַן אייגעלע... (נאָך שטילער) אויפֿן גרינעם ביימעלע...

ווינט אים לאַנגזאַם. ביידע שלאָפֿן־איין.

צווייטער אויפֿטריט.

פֿון צווישן די ביימער באַווייזט זיך פּלוצ־לונג ווייסמענטשעלע. ער טראָגט אַ לאַנגע ווייסע באָרד און אַ רויטע היטעלע מיט אויפֿן קאָפּ. פֿון אונטער דער מיץ פֿאַלן אים אויף די אַקסלען לאַנגע ווייסע לאָקן. ער רוקט זיך לאַנגזאַם צו די שלאָפֿנדיקע קינדער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געגנבֿעט.

ווייסמענטשעלע.

(רירט אָן רחלען מיטן שטעקן): אַ שיין מיידעלע שלאָפט... אַ שיין יינגעלע שלאָפט... מסתמא אַ שוועסטערל מיט אַ ברודערל... (רירט זי ווידער אָן)

רחלע.

(עפנט די אויגן, שרייט־אויס דערשראָקן): שלמה־לע, שלמהלע! זעה, ווער עס שטייט נעבן אונז!... אַ ווייס מענטשעלע...

שלמהלע.

(רייבט זיך די אויגן): ווער ביזטו, מענטשע־לע? וואָס שרעקסטו אונז?

ווייסמענטשעלע.

(נעמט דעם שטעקן אונטערן אָרעם, רייבט זיך די הענט און לאַכט ווייך און האַרציג):

זייט רוהיג, קינדער, איך וועל אייך גאָרנישט טאָן. ווער בין איך, פרעגסטו? דער ווינטער־שר פון וואַלד בין איך. אַ סך אַרבעט האָב איך: איך וועק די ווינטעלאַך, איך רוף די שנייעלאַך. איך ווייס, וואו זיי וואוינען און אַלע טאָג פאַר־

ברענג איך מיט זיי. זאָגט מיר אָבער, קינדער, ווי אַזוי קומט איר אַהער, אין טיפֿן וואלד, אינמיטן נאַכט, צווישן ווינטעלאַך און שנייעלאַך? האָט איר די היים פֿאַרלאָזן, דער מאַמען פֿאַרגעסן, דעם וועג נישט דערקאָנט? אָדער איר אַנטלויפֿט פֿון אַ בייזער שטיפֿמאַמע, וואָס איז שוואַרץ, ווי אַ קראָ און שלעכט, ווי אַ וואָלף?

רחלע.

(שטייט האַסטיג אויף פֿון אָרט, כאַפּט-אָן ווייסמענטשעלען פֿאַרן האַנט און זאָגט לייכט, אָן שרעק): דו הערסט, ווייסמענטשעלע, מיר זײַנען געגאַנגען פֿון שטעטל אין דאָרף צום זיידן, האָבן מיר פֿאַרבלאָנדזשעט. מיר ווייסן נישט דעם וועג. ווייסמענטשעלע, טײַערער, האַרציגער, ווייז אונז דעם וועג, וועלן מיר גיין אַהיים. די מאַמע וואַרט אויף אונז און די מוז אודאי וויינען...

שלמהלע.

(שטייט-אויף): דו ווייז אונז נאָר דעם וועג. ווייטער וועל איך שוין אַליין טרעפֿן.

ווייסמענטשעלע.

(טוט זיך א פּאַטש אין שטערן): שטייט, קינ־
דער, איך האָב א גאָלדענעם פּלאַן. איר וועט
גיין אהיים, ווען די העגער וועלן קרייען און ווען
א רויטע זון וועט אריינקוקן אין וואלד. צו וואָס
זאָלט איר זיך איילן? איך וועל שיקן א ווינטע־
לע, וועט עס אָפּגעבן א גרוס אייער מאַמען. איך
וועל שיקן א שנייעלע, וועט עס זאָגן, אז איר
וועט קומען פּאַרטאָג. זייט בעסער אין וואלד,
וועל איך אייך בעקאַנען מיט שניימיידעלאך. זיי
וועלן דאָ טאנצן צווישן די ביימער. און איר
אויך טאנצן. פריילאך וועט זיין

רחלע.

אָבער מיר ווילן אהיים..

ווייסמענטשעלע.

און איך וועל אייך בעקאַנען מיט א יינגע־
לע, וואָס איך האָב געפונען אין וואלד. ער האָט
זיך אויך פארבלאָנזשעט. ער זאָגט, אז ער איז פון
א ווינטערלאַנד. דאָס איז זייער א ליב יינגעלע. ער

האָט שוואַרצע פֿייערדיגע אויגן און טראָגט אַ האַרמאָניק אין האַנט. ער קאָן זינגען און שפּילן און טאַנצן...

רחלע.

(טוט אַ צי שלמהלען פֿאַרן אַרבל): אפֿשר וועלן מיר בלייבן?

שלמהלע.

נו, לאָמיר בלייבן.

רחלע.

ווייסמענטשעלע, מיר גייען נישט אַוועק.

ווייסמענטשעלע.

(לאַכט און שאָקלט פֿריילאַך מיטן קאָפּ): אָט זוי, אָט אַזוי זענט איר קליינע קינדער, וועט איר זעהן, וועט איר זעהן דאָ אין וואַלד אַ וואונדער.

ווייסמענטשעלע נעמט פּאַטשן מיט די הענט און פּייפֿן, און פֿון אַלע זייטן קומען־אָן לאַ־בעדיגע און שפּרינגענדיגע שנײמענדעלאַך.

ווייסמענטשעלע.

ווער זייט איר?

שניימיידעלעך.

(אלע): מיר זיינען מיידעלאך פון שניי —
א זונג, א טאנץ, א פלי, א דריי!

ווייסמענטשעלע.

וואס טוט איר?

שניימיידעלאך.

(אלע): מיר צולויפן און צוגייען,
ווען די ווינטן נעמען דרייען.
מיר צולייגן זיך און פאלן,
און מיר שטארבן אין די שטראלן!..

ווייסמענטשעלע.

ווי קומט איר אהער?

שניימיידעלאך.

(אלע): דער וואלד איז אונזער היים,
געבענטשט זאל זיין דער ביים!
די פרייד האט אונז געבראכט,
מיר לאכן טאג און נאכט!
כא-כא-כא! כא-כא-כא!

ווייסמענטשעלע.

איך האָב אייך ליב, שניימיידעלאך! ווינט און מאנצט אייך דאָ און איך וועל דערווייל גיין ברייגען מיין געפונענע יינגעלע. פון א ווינטערלאנד, זאָגט ער, איז ער. א וואויל יינגעלע. שווארצע פייערדיגע אויגן האָט ער און אין האנט האלט ער א הארמאָניק... באַ-באַ-באַ! (אָב).

רחלע.

ס'ארא שיינע מיידעלאך! ס'ארא ווייסע קליידעלאך! זיי איז גאָרנישט קאלט. ווייסט, שלמהלע, איך וויל שוין גאָרנישט אהיים.

שלמהלע.

(קוקט פארגאַפט אויף די מיידעלאך): דאָ איז זייער פריילאך. און עס ווערט מיר עפּיס וואַרימער, ווי אינדערהיים.

רחלע.

מיר איז אויך ווארים (ווארפן-אראפּ די ווינטערמאנטלען).

שנײמײדעלעך.

(שמעלן זיך ארום אין א קרײז און זינגען):

שנײעלאך, שנײעלאך,
פלאטערן, דרײען זיך,
האלזן זיך, קושן זיך
ליב און צוגײען זיך.

הימלישע טײבעלאך
טאנצן און נויגן זיך,
(די שנײמײדעלאך נויגן זיך).
קוקט אויף זײ, קוקט אויף זײ,
זעהט, זײ צוגײען זיך.
(בוקן זיך אוים ארונטער).

לאכן זײ, זינגען זײ,
קלאר-װײסע שטראלנדיג:
אט אזוי לעבן מיר —
פליענדיג, פאלנדיג!
(עס דערהערט זיך א לאנגער פיף און פון צװישן די בײמער באװײזט זיך װײסמענטשעלע מיטן יינגעלע פון װינטערלאנד).

דאָס ייִנגעלע.

(רייסט זיך אַרײַן אינמיטן, ציט-פֿאַנאַנדער די האַרמאָניק, נעמט טאַנצן אויף איין פֿוס און זינגט):

שפּיל איך מיר אַ ניגעלע,
ווייס איך נישט פֿון צער.
מיטן גוף אַ האָפּקעלע,
מיטן פֿוס אַ שאַר.

פֿאַלט אין נאַכט אַ שנייעלע,
ווערט אַ ווייסע וועלט,
כאַפּ איך מיר אַ טענצעלע,
מאַכט מיך הייס די קעלט.

באָד איך זיך אין שנייעלאַך,
פֿלאַטער גלײַך מיט זיי.
ווייסט איר, וואָס מײַן ליבע איז? —
פֿראָסט און ווינט און שניי...

רחלע.

(אַנטציקט): דו זינגסט און שפּילסט זייער שיין.

שלמהלע.

פֿון וואַנען קומסטו?

דאָס ייִנגעלע.

פֿון אַ קאַלטן לאַנד. פֿון אַ ווינטערלאַנד גיי איך. שניי און ווינט און פֿראָסט האָב איך ליב און די קאַלטע שטערן אויפֿן הימל האָב איך ליב. מיר איז שטענדיק וואַרעם, און טריט שטעל איך פֿריילאַכע און דרייסטע...

שלמהלע.

(צופֿרידן): לאָמיר זיין חברים.

דאָס ייִנגעלע.

(ציט־פֿונאַנדער די האַרמאָניק און שאָקלט מיטן קאָפּ): נו, לאָמיר זיין חברים!

(זינגט):

מאַנצן קאָנען קלוגע קינדער,

אָט אַזוי און אָט אַזוי!

איך האָב ליב חברים פֿרייע,

פֿריי, ווי ווינט און פֿריי, ווי שניי!...

די שניישנידעלאַך וויגן זיך אום טאַקט און

פאטשן הילכיג מיט די הענט אף.

רחלע.

(ענטציקט): שלמהלע, איך וואלט צייך גע-
וואלט זיין א שניימיידעלע.

שלמהלע.

אבער שניימיידעלאך מעגן זיך קיינמאל
נישט אום צו דער מאמען. וואלסטו עס געוואלט?

רחלע.

איך וויל ביידע זאכן: איך וויל זיין א שניי-
מיידעלע און זיין נעבן דער מאמען...

שלמהלע.

דאס קאן נישט זיין...

רחלע.

(מיט ערנערניש): פארוואס?

שלמהלע.

ווייל שניימיידעלאך וואוינען אין די
וואלקנס...

עס דערהערט זיך א לאנגער פייף. ווייט־מענטשעלע פאטשט מיט די הענט. די לאנגע ווייסע באָרד און די האר טרייסלען זיך אים, ווי פון ווינט.

פון אלע זייטן נעמען זיך שיטען ווינט־יינגע־לאך. זיי שטעלן זיך אוים אין א קריז הינטער די שניימיידעלאך און האלטן די רעכטע האנט אין דער הויך

(זינגען):

מיר זיינען ווינטעלאך!
מיר זיינען ווינטעלאך!
פליען מיר,
ציען מיר,
הויך און נאך העכער,
איבער שטעט און דערפער,
איבער לאנד און ים,
איבער רויך און פלאם,
איבער צייט און רוים,
איבער בארג און ביים!
מיר זיינען ווינטעלאך!
מיר זיינען ווינטעלאך!

א בלאָז און א צי,
א פלאַטער און א פלי
א נידער און א הויב —
מיר קערן־אויס דעם שטויב!
שטראַלן ברעכן מיר!
פעלזן שטעכן מיר!
פאַליעס טרייבן מיר!
זאַנגען קלייבן מיר!
מיר זיינען ווינטעלאַך
מיר זיינען ווינטעלאַך!
מיר ווייסן נישט פון וועגן,
מיר ברויכן נישט קיין שטעגן,
אַלץ איז פאַר אונז אָפן,
אומעטום געלאָפן,
אומעטום געזונגען,
אומעטום געשפּרונגען.
האַ־האַ־האַ! האַ־האַ־האַ!
גליקלאַך איז די שעה!

ווייסמענטשעלע.

(פּאַטשט מיט די הענט און לאַכט): נו, מיינע

טייערע ווינט-ייִנגעלאך, וואס וועט איר אצינד טאָן

ווינט-ייִנגעלאך.

(אַלע): מיר וועלן טאנצן. ווינטעלאך טאנצן.

ווייסמענטשעלע.

און איר, מיינע שיינע שניימיידעלאך?

שניימיידעלאך.

(אַלע): מיר וועלן פלאטערן.
מיר וועלן פלאטערן.
ווי ווייסע שנייעלאך.

ווייסמענטשעלע.

און דו, מיין ייִנגעלע פון ווינטערלאנד?

דאָס ייִנגעלע.

איך וועל טאָן דאס, וואס די ווינט-ייִנגע-לאך און די שניימיידעלאך.

ווייסמענטשעלע.

(צו שלמהלען און רחלען): און איר?

שלמהלע

(צו רחלען): וואס וועלן מיר טאן, רחלע?

רחלע.

איך וועל זיין א שניימיידעלע און דו וועסט
טאנצן מיט די ווינטיינגעלאך גוט!

שלמהלע.

גוט.

ווייסמענטשעלע.

(פלוצלונג): שאט, איך האב א פלאן! מיר
וועלן מאכן א זאווערוכע.
ווינטן און שנייען
וועלן זיך דרייען,
לויפן און יאגן זיך,
זינגענדיג טראגן זיך:
הא-הא! הא-הא! הא-הא!

עס ווערט א זאווערוכע. אינמיטן ווייס-
מענטשעלע, דאס יינגעלע מיט דער הארמאניק,
שלמהלע און רחלע. ארום זיי — די שניימיידע-
לאך; ארום די שניימיידעלאך — די ווינט-יינגע-

לאך. די זאווערוכע הויבט זיך אן מיט א שטארקן דרייען זיך און מיט א פייפן און בלאזן פון פערשידענע קולות. די שניימיידעלאך פייפן, די ווינט־יינגעלאך בלאזן און פאכן מיט די פליגעלען. אלץ שוועבט, דרייט זיך, פלאטערט מיט פייפעריי און בלאזעריי. עס דויערט א לענגערע צייט.

פלוצלונג דערהערט זיך א מעכטיג קרייען פון א האן, נאכדעם פון א צווייטן, א דריטן. די זאווערוכע שטעלט זיך אב. אויף די וואלדביימער לייגן זיך רויטע צימריגע שטראלן פון באגינען. די הענער קרייען ווייטער.

ווייסמענטשעלע

אונזער שמחה איז געענדיגט. שניימיידעלאך, צוגייט אייך!...

די שניימיידעלאך לאזן־אראפ די קעפלאך און ווערן שטיל און לאנגזאם פארשוואונדן אין א האלבקרייז אין הינטערגרונט פון וואלד. מען זעהט זיי נישט מער.

(קליינע פויזע)

ווייסמענטשעלע.

ווינט-יינגעלאך, צופליט אייך.

די ווינט-יינגעלאך נעמען פאכן מיט די פלי-געלאך און טאנצן-אפ, בלאָנדיג, אויף הינטער אין א האלבקרייז אין הינטערגרונד פון וואלד, וואו זיי ווערן פארשוואונדן.

(קליינע פויזע)

ווייסמענטשעלע

(צו שלמהלען און רחלען): איצט, מיינע טייערע, קאנט איר גיין אהיים. אט איז דער וועג. גייט רעכטס, רעכטס, רעכטס. איר וועט קומען בשלום. אבער פריער צוקושט זיך מיטן יינגעלע פון ווינטערלאנד.

קושען זיך און נייגן זיך פארן ווייסמענטשעלע. הענער קרייען. אין וואלד ווערט ליכטער.

שלמהלע מיט רחלען גייען-אפ רעכטס. דאס יינגעלע צים פאנאנדער די הארמאניק, נעמט טאנצן אויף איין פוס און זינגט:

טאנצן קאנען קלוגע קינדער,
אַט אזוי און אַט אזוי!
איך האב ליב חברים פרייע,
פריי ווי ווינט און פריי ווי שניי!

ווסיימענטשעלע.

(נעמט דאָס יינגעלע פאַר דער האַנט): קום, לאָמיר גיין, מיין וואויל מוטיג יינגעלע!

פאַרהאַנג לאַנגזאַם.

רויטהיטעלע

אַ קינדערפֿאָרשטעלונג אין צוויי אַקטן.

№ 2

פאַרלאַג „קינדערטעאַטער", וואַרשע
תרפ"א 1921.

פּערזאָנען:

ראָטהיטעלע	אַ רירעוודיק מיידעלע פֿון אַ יאָר נײַן; טראָגט אַ רויט היטעלע אויפֿן קאָפּ.
די מאַמע.	
די באָבע.	
יואל שמש	אַ ייד מיט אַ געלב בערדל און מיט אַ גרויסן שטעקן אין האַנט.
דער וואָלף	טראָגט אַ גרויסע פּעל אויפֿן קאָפּ.

אין דער ערשטער סצענע ווערט פֿאָרגעשטעלט אַ הייזל, דערביי אַ געדיכטער וואַלד מיט אַ לאַנג שמאָל שטעגעלע.

אין דער צווייטער סצענע ווערט פֿאָרגעשטעלט אַ צימער פֿון אַ וואַלד־הייזל. אויף די פֿענסטער — בלומען; אויפֿן טיש — פֿלעשלאַך פֿון רפֿואות. לינקס פֿירט אַ טיר אין אַלקער אַריין.

ערשטער אקט.

ערשטער אויפטריט.

(די מאמע, רויטהיטעלע)

די מאמע:

(ליינט-אריין אין קוישל א פלאש ווײַן, א טעלער מיט קיכעלאך און פרוכטן): קום, טעכ־טערל, קום, מיין ליב קינד!

רויטהיטעלע:

(לויפט-אריין) שוין, מאמעשי, איך בין דא, ווייסט, מאמשי, איך האב געמאכט א שיין בוקעטל. זייער שיינע בלימעלאך... א מתנה דער באבעשין וועט עס זיין... איך ווייס, די באבעשי האט

ליב בלויע בליטעלאך , וועט עס איר
געפעלן... וועט זי מיך זייער ליב האבן.
אמת, מאמעשי ?

די מאמע:

יא, טעכטערל. לאז גריסן די
באבעשי, און גיב איר איבער דאס קוישל.
איך שיק איר דא אפלעשל וויין, קיכעלאך
און פרוכטן. די באבעשי איז נישט געזונט
מיין קינד, וועט זי זיך א ביסל דערקוויקן
פון דאס הארץ...

רויטהיטעלע:

מאמעשי...

די מאמע:

וואס, מיין נחת ?

רויטהיטעלע:

און איך שיינק דער באבעשי
צוויי רויטע עפעלאך ... אליין געקויפט ...
ווי צוויי שפיגעלאך גלאנצן זיי ...

די מאמע:

נו, טעכטערל, גיי צו דער
באבעשן, ווארום עס איז שוין שפעט.

רויטהיטעלע:

ווייסט, מאמעשי, סומנע צו גיין
דורכן וואלד ... ביימער, זיי רוישען ...
אלעמאל רוישען זיי ...

די מאמע:

שרעק זיך נישט, קינד מיינס.
מען טאר זיך נישט שרעקן ... גאט זיצט
אויפן הימל און היט אלע קליינע קינדערלאך
אויף דער ערד ... גיי רוהיג, מיין נחת ...
דעם וועג ווייסטו דאך: פריער גלייך, נאכדעם
רעכטס און מען זעהט שוין דער באבעס

הייועלע... נאר נעריינק, מיין קינד: ריים נישט קיין יאגדעס אין וועג, וואָרום דו וועסט פערשפעטינן... פון וועג וועסטו זיך אראפשלאָגן... זעה, זאלסט נישט צוברעכן דאס פלעשל. גיי, גיי, מיין קינד.

רויטהיטעלע (שאקלט מיטן קעפל):

א גוטן טאג, מאמעשי.

די מאמע:

א גוטן טאג דיר, נחתל מיינס. זאלסט נישט שטיפן, דבורהלע

רויטהיטעלע (צולאכט זיך):

איך שטיף דאך נאר א ביסעלע...

די מאמע:

נו, גיי, גיי, מיין קינד.

רויטהיטעלע

(גייט-אוועק און שרייט גייענדיג):

איך וועל קומען צוריק ביינאכט,
ביינאכט, ביינאכט...

(הינטער דער בינע הערט זיך זינגען.
רויטהיטעלע זינגט).

גלאנצט, גלאנצט, אויגעלאך,
טאנצט, טאנצט פייגעלאך.
אין ערדל, רערעלע,
אין א קארע-ערדעלע.
זאל ארום זיך פרייען,
פרייען זיך און דרייען,
וואלד און הימל, אלדאסדינג,
זאנג-זינג, זאנג-זינג!
טראלאלא, טראלאלא!..

(דאס געזאנג שטארבט ביסלאכווייז אפ)

2-טער אויפטריט.

די מאמע.

(אליין, קוקט-ארויס פון פענסטער, רעדט צו זיך).

גיי, גיי, מיין נחתל. איך זעה, אז דו גייסט פריילין און מונטער. גיי, גיי, מיין קרוין. זאל דיך גאט באשירמען.

3-טער אויפטריט.

וואלד, רויטהיטעלע, וואלף.

רויטהיטעלע

(גייט לאנגזאם, האלט דאס קוישל אין דער האנט, זוכט אינם גראז. פון צווישן די ביימער בעווייזט זיך שוואלף)

דער וואלף:

אַ שיינעם גוטמארגן דיר, מיין גאלדן זוטערפייגעלע!..

רויטהיטעלע (קוקט זיך אום, צולאכט זיך):

אַ, וועלפעלע, וואס מאכסטו?

דער וואלף (שפרינגט צו נענטער):

וואוהין גייסטו, רויטהיטעלע?

רויטהיטעלע:

צו דער באבעשי.

דער וואלף:

אזא גרויסן קויש טראָגסטו! זאָג, שיין אייגעלע, וואס האסטו דאָ?

רויטהיטעלע (שעלמיש):

הער, וועלפעלע, וואס איך טראג: ווין,

מייערע פרובטן, קיבעלאך און אנגעפרעגלט הינדעלע, וואס דו האסט עס גארנישט פיינט..

דער וואלף (באלעקט זיך):

אי-אי, העזעלע, דיין וויין וואלט איך אויסגעטרונקען מיט איין קנאק...

רויטהיטעלע (העצעט אים):

וועלפעלע, דאס הינדעלע איז נאך בעסער.

דער וואלף:

נו, א הינדעלע, מיין קרוין, האב איך זייער ליב, אבער איך וועל עס נישט אנרירן... (צו זיך) צוערשט וועל איך דיך אויפעסן...

רויטהיטעלע (מיט א שפרונג):

פעטער וועלפעלע, דאס הינדעלע איז

מאקי נישט פאר דיר, נאר פאר מיין טייערער באבעשי. נישט געזונט איז זי, מיין באבעשי, צום בעט ליגט זי, טראג איך עס איר צו דער קוויקען דאס הארץ.

דער וואלף (מאכט א תמעוואטע מינע):

מיין זים בעקעלע, זאג מיר נאר, וואו וואוינט דיין באבעשי?

רויטהיטעלע.

נאך דעם גרויסן וועג לויפט א קליינער וועג, שטייט דארט, ביים קליינעם וועג, א גרין גערטנדל און אין גרינעם גערטנדל — א וויים הייזעלע און אין דעמדראזיגן ווייסן הייזעלע וואוינט מיין באבעשי.

דער וואלף (צו זיך):

איך בין זייער הונגעריג. מיט פארגעניגן וואלט איך איצט אראפגעשלונגען דאסדראזיגע ראזיגע מיידעלע צוזאמען מיטן רויטן היטעלע

אפילו . קיין בעסערן פרישטיק בעדארף מען גארנישט. אבער ווי מאכט מען עס? אין וואלד דרייען זיך ארום די האלצהעקער און זיי וועלן זיכער שטערן. אבער איך האב א גוטן פלאן. פריער, צום פרישטיק, וועל איך אויפעסן דער באבען און צום אונטערבייט דאס ראזיגע מיידעלע... (צום רויטהיטעלע) · הער נאר, נשמה מיינס. דו גייסט אין א וואלד און די אייגן האלטסטו אראפגעלאזט. פע, מאוס. קוק זיך בעסער ארום, זעה: די ביימער שטייען הויכע און גרייכן צום בלויען הימל; אויף די צווייגן זיצן גאלדענע טייבעלאך; אינם גראז שפרינגען-ארום וועווערקעס מיט אויפגעהויבענע עקעלאך; בינען זומען האניג אין די שמעקענדיגע וואלד-בלימעלאך, און א מחיהדיגער ריח פילט-אן די לופט. הערסטו, ווי איין פייגעלע מאכט: טשיריק-טשיריק-טשיריק! און א צווייט: פי-פי-פי! און א דריט: רעל-רעל-רעל! און א פערט: צא-צא-צא! א מחיה אין וואלד, נשמה מיינס!..

רויטהיטעלע (אומגעדולדיג).

איך האב קיין צייט נישט, וועלפעלע.

איך מוז גיין צו דער באָבען.

דער וואָלף (רעדט איר צו).

אייל זיך נישט אזוי, מיין לייכטפיסעלע.
אין א וואַלד איילט מען זיך נישט. זעה נאר,
אַזויפיל זומערפייגעלאך, אזויפיל בלימעלאך...
דיין באָבעשי, זאָגסטו, איז קראנק, קאָנסטו
אָנרייסן בלימעלאך און מאַכן איר דערפון א
געטראנק. די בלימעלאך וואַקסן דאָ נאָר פאר
קראנקע מענטשן... אייל זיך נישט, מיין צאַרט
ליפּעלע..

רויטהיטעלע.

אָבער איך מוז גיין צו דער באָבען...

דער וואָלף.

וועסט נאך גיין... ס'איז אזוי פרי... זעה:
וואַלדבלימעלאך... וואלדפייגעלאך...

רויטהיטעל

אָבער...

דער וואָלף

געזונד זאָלסטו מיר זיין, אין וואַלד זיי בעסער. זעה: נאַטס בהמהלאַך טאַנצן אין גראָז... בלימעלאַך שמייכלען אין די אויגן אריין...

רויטהיטעלע.

(לאָזט-אַרויס דאָס קוישל פון דער האַנד און קוקט זיך אַרום).

אוי, די בלימעלאַך שמייכלען טאַקי אין די אויגן אריין... איך וועל אָנרייסן בלימעלאַך און וועל מאַכן פאַר מיין באָבעשין אַ קראַנץ... אַ קראַנץ פון וואַלדבלימעלאַך...

דער וואָלף (צו זיך).

רייס, רייס, נשמה מיינס. דו וועסט דאָ רייסן און איך וועל דערוויילע לויפן צו דיין באָבעשי און וועל מיר פאַרטיג ווערן מיטן פרישטיק. זי וועט שוין ביי מיר געזונט ווערן, דיין באָבעשי...

רויטהויטעלע.

(רייסט בלימעלאך שטיל און פארטראכט, לייגט זיי צוזאמען אין א קרענצל און זינגט):

אונטער די גרינינקעביימעלאך,
שפילן זיך משהלאך, שלמהלאך,
ציצית, קאפאטקעלאך, פאהלאך...

פארהאנג.

2-טער אקט.

(די באבעשי ליגט אין בעט, די פענסטער זיינען אפן און עס זעהען זיך ביימער, שטיל געוויגט פון ווינט.

1-טער אויפטריט.

דער וואלף. די באבע.

דער וואָלף (הינטער דער טיר).

אוי, איך האָב שוין גאַר קיין פּים נישט!...
אוי, מייַנע ביינדעלאך נאָגן מיר פון מידקייט
(קלאַפּט). פּוק-פּוק-פּוק...

די באָבע.

ווער קלאַפּט דאָרט, האַ?

דער וואָלף.

דאָס בין איך, באָבעשי. עפן מיר.

די באָבע.

ווען איך וואָלט געקאָנט, גשמהניר,
וואָלט איך דיר געעפנט. דריק-צו די קליאַמקע,
וועט זיך עפענען די טיר.
(עס קומט-אַריין דער וואָלף).

די באָבע.

אוי ווי איז מיר, א וואָלף! שאַטע

הארצינגער. א וואָלף איז אריין! א וואָלף! אוי, איך שרעק מיך!..

דער וואָלף.

שרעק זיך נישט... שרעק זיך נישט...
איך וועל דיך נאָר איינבייסן...
(וואַרפט זיך צו דער אלטער אין גּעט. די אלטע שפּרינגט האסטיג אראָפּ און לויפט הענדום־פּענדום אריין אינם זייטיגן אַלקירל).

דער וואָלף (צו זיך).

עהע! זי איז קליגער פאר מיר... שלעכט. עסן ווילט זיך, טרינקען ווילט זיך. וואָס טוט מען? (גיט זיך א קלאפּ מיט דער לאָפּע אין שטערן אריין). איך האָב שוין ווידער א פּלאַן. איך וועל אָנטאָן דער באָבעס קופּקעלע, איר קליידל און פּאטשיילע און וועל מיך לייגן אין בעט אריין. וועט קומען דאָס רויטהיטעלע, וועל איך האָבן א וואוילן פרישטיק...
(וואַרפט־ארויף אויף זיך דער באָבעס מלבושים מיטן קופּקעלע און קריכט־אריין אין בעט אונטער

דער קאָלדרע, מאַכט זיך שפּאַנריג און כראָפּעט שטאַרק).

3-טער אויפטריט.

רויטהיטעלע.

(עפענט די טיר און בעוויזט זיך אויפן שוועל).

די באָבעשי שלאָפט, די טיר איז אָפן, און שטוב איז שטיל, איך שרעק מיך... פאַר־וואָס איז דא אָפן די טיר?.. (גייט-צו צום בעט און שפּרינגט האַסטיג אָב). דער וואָלף שלאָפט גאָר אין דער באָבעס בעט. אויפן קאָפּ האָט ער איר קיפּקעלע... אוי, וואו איז די באָבעשי?.. באָבעשי! באָבעשי...

דער וואָלף (עפענט די אויגן).

אָ, מיין רויטהיטעלע, קום צו מיר.

העגט האָב איך וואָרימע און צאַרט בין איך,
ווי דער בעסטער ברודערל אין דער וועלט...
קום נענטער, מיין זיסע נשמה...

רויטהיטעלע (איינגערעדט)

ציין האסטו שפּיציגע און לאַפּעס האָסטו
אנשטאט הענד און אויף די לאַפּעס גלאַנצן
שאַרפע נעגל... וואָלף, זאג מיר, וואו איז
מיין באָבעשי!

דער וואָלף.

קום-אהער, וועל איך דיר זאָגן.

רויטהיטעלע.

ניין, איך גלויב דיר נישט...

דער וואָלף.

גלויב מיר יא...

רויטהיטעלע.

ניין, ניין...

דער וואָלף.

(שפּרינגט־אראָב פון בעט און וויל זיך וואַרפן אויפן רויטהיטעלען. רויטהיטעלע אנטלויפט אין אַלקערל אריין).

דער וואָלף.

שלעכטע געשעפטן מאַך איך דאָ. (קוקט זיך ארום). שאַ, ווער גייט עס אהער? דאַכט זיך, איעגער! איעגער! איעגער! איעגער! וועלפל, מאַך פיס! מאַך פיס! בררררררר!!!
(שפּרינגט־ארויס דורכן פענסטער און פאַר־שווינדט).

4־טער אויפטריט.

(און שטוב קומט־אריין יואל שמש מיט א

גרויסן שטעקן אין דער האנט).

יואל שמש (צו זיך)

געזעהן אביסל? אליידיגע שטוב. קיין לעבעדיגער נפש נישטא. וואו איז די אלטע?
(קוקט זיך ארום).

שטימען (פון אלקירל).

דער וואלף איז אוועק?

יואל שמש (דריקט מיט די אקסלען).

וואסער וואלף? וואסער קאזן?

שטימען.

א וואלף האט אונז געוואלט פארצוקן...

יואל שמש (לאכט).

גייט שוין ארויס פון דארטן. איך ווער
דא נישט קיין ווערלף.

5-טער אויפטריט.

יואל שמש. רויטהיטעלע. די באָבע.

רויטהיטעלע

(מיט אראפגעלאזטע אויגן, ווי פערשולדיגט).

די מאמע האט געהייסן גיין מיטן גלייכן
וועג און שנעל, האב איך איר נישט געפאָלגט.
מיט א וואָלף האב איך גערעדט און בלומעלאך
האָב איך געקליבן..

די באבע (קרעכצנדיג, צו רויטהיטעלען).

אוי, אוי, אוי, דאָס האסטו מיר געבראכט
דעם וואָלף? ער האָט מיך אזוי איבערגעשראָקן...

רויטהיטעלע (שטיל).

באָבעשי, זיי מיר מוחל... מער נישט...

אַן ערשטמאָל און אַלעמט מאָל... איך וועל
שטענדיג פאָלגן דער מאמען...

די באָבע.

(לייגט איר ארויף די הענט אויפן קאָפּ, ווייך און הארציג).

איך בין דיר מוחל, מיין זיס קינד.
מוחל... מיין טייערע נשמהלע...

(רויט היטעלע נעמט-ארום דער באָבען און צולאכט זיך).

יואל שמש.

קוקט זיך ארום, דערזעהט דעם קויש, לייגט אוועק דעם שטעקן, רוקט נאָכדעם אריין די האנט אין קויש און כאַפּט א טענצל).

רויטהיטעלע.

באָבעשי, אין קוישל ליגן גוטע זאכן,
דאָס האָט די מאמעשי געשיקט. קיכעלאך,
ווין... א געבראטן הינדל...

יואל שמש.

(ציט-ארויס פון קוישל די פלאש וויין),

כ'מיין, אין האלז איז טרוקן... דרויסן
אזא היץ... דאס וויינעלע איז קאלט און בעט
זיך אין האלז...
(כאפט א טענצל).

יוטהיטעלע (צולאכט זיך און זינגט).

איז געווען א וועלפעלע, א וועלפעלע,
האט ער מיך גענארט,
האט ער מיך גענארט...
האב איך זיך מיט דער באבעשי
אין אלקערל פערשפארט.

יואל שמש (העלפט-צו).

בים-באם, בים-באם!..

די באבע.

גרייט צום טיש, מיין קינד, וועלן מיר
מאכן א סעודה.

רויטהיטעלע.

(וואַרפֿט-אַרויף אַ ווייסן סערוועט אויפֿן טיש).

יואל שמש.

אט אזוי, וועט ווערן פֿריילעכער.

רויטהיטעלע.

(צושטעלט די שטולן אַרום טיש, לייגט-אויס די וואַלדבלימעלאך אין גלעזער וואַסער און זינגט).

איז געווען אַ וועלפּעלע, אַ וועלפּעלע,
האָט ער מיך גענאַרט,
האָט ער מיך גענאַרט...
האָב איך זיך מיט דער באָבעשי
אין אַלקער פֿאַרשפּאַרט.

יואל שמש (העלפֿט-צו)

בים-באַם, בים-באַם!..

פֿאַרהאַנג.

אין פארלאג "קינדער מעאמער" ווארשא

איז ערשינען פאלגענדע קינדער פארשטעלונגען:

1) אין ווינטערוואלד מעשה'לע אין 1 אקט פון ד. קאמ.
2) רויטהיטעלע א קינדערפארשטעלונג אין צוויי אקטען.
3) לאכבלימעלע " " אין איין אקט.
4) דער האלצהעקער " " אין פיר אקטען.
5) פייוועלע בארימער " " אין איין אקט.
6) חנהלע " " אין איין אקט.
7) באצקעלע דער מזיק " " אין איין אקט.

עס דרוקט זיך נאך אגרויסע סעריע פארשידענע

קינדער פיעסן

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן אין בוכהאנדלונג

„קולטור" ווארשא, דזיקע 13

Księgarnia „KULTURA" Warszawa, Dzika № 13.

לאַכבלימעלע

אַ קינדערפֿאָרשטעלונג אין איין אַקט.

№ 3

פֿאַרלאַג „קינדערטעאַטער", וואַרשע
תּרפ"א 1921.

פערזאנען :

דער טאטע.

די מאמע.

חיימל) ברידער און שוועסטער.
פייגעלע) ער—אלט 7 יאר, זי 9 יאר

רחלע, א רירעווריג מיידעלע, אלט 8 יאר.

שיינדעלע — די אייגענע עלטער.

בערעלע, א יינגעלע פון א יאר 9:

אויף דער סצענע ווערט פארגעשטעלט א געוויינליך, נאר זויבער צימער. אין הינטערגרונט —2 פענסטער, פארגאסן מיט זון; צווישען די פענסטער א טיש און ביי דער וואנט, רעכטס א בעט, דערביי א קליין טישל מיט רפואות.

חיימל ליגט אין בעט, בארעקט מיט א ווייס ליילאך. ער טראגט א ווייס העמדל מיט דינע העלע הייזלעך און אויף די פיס זאקן:

נעבען דער בעט שטייען א פאר קינדערשע שטעקשיכלאך.

ערשטער אויפטריט.

חיימל און פייגעלע.

פייגעלע (צארט).

וואס טוט דיר וויי? זאָג, חיימל.

חיימל (שטיל).

ניין... אָבער איך קאָן נישט אראָפּ פון בעט. איך קאָן דעם פוס נישט אויפהויבן, די האנד איז מיר שווער.

פייגעלע.

ווען וועסטו געזונט ווערן?

חײמל:

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז אין א װאָך ארום.

פײגעלע.

נישטעלע איז אװעק אין װאלד מיט אירע חברטעס. רחלע האָט געזאָגט, אז זי װעט דיר ברײנגען װאלדבליטעלאך... רױטע, בלױע, װײסע. אָבער אײן װאלדבליטעלע, זאָגט זי, װעט דיך געזונט מאכען.

חײמל (לײכט

איצט איז מיר גוט... אין שטוב איז שטיל. אין פענסטער שײנט די זון. פײגעלע, דו האָסט ליב די זון?

פײגעלע (פרײליך).

די זון גלעט מיר שטענדיג די בעקלאך, פונקט װי די מאמע... אבער חײמל, אז די

וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר אויך גיין אין וואלד?

חיימל (אויפהויבנדיג, עטוואס דעם קאפ).

מיר וועלן גיין אין וואלד, מיר וועלן יאגדעס קלייבן, בלימעלאך רייסן, אויף פייגעלאך קוקן, ביימעלאך טרויסלען און שרייען הו-הא... הו-הא...

פייגעלע (צופרידן).

היינט איז דיר בעסער, ווי נעכטן, אמת, חיימל? נעכטן האט די מאמע נישט געוואלט ארויס פון „שטוב און דער טאטע האט א גאנצן טאג געשוויגן...

חיימ׳ל.

יא, שוועסטערל, היינט איז מיר בעסער.

פייגעלע.

(שטייט-אויף, גיט א טאנץ, פארלייגט די הענטלאך אויפן הארצן און נעמט זינגען שטיל, אבער דייטליך):

פייגעלע, פייגעלע,
פי-פי-פי!
וואו איז דער טאטע?
— נישטא הי!
ווען וועט ער קומען?
— מארגן פרי...

(אין א ווײַלע ארום זינגט זי א נײַ לידל):

הינטער טאלן אין א טאל
שטייט א פאלאץ פון קריסטאל.
פענסטער — העלער דימענט,
טירן — גאלד געשמידט, —
ווער עס וווינט אין פאלאץ,
ווייס דאס קיינער ניט...

פייגעלע.

(כאפט פון פענסטער א גלאז מילך און טראגט-צו חיימלען).

טרינק, חיימל.

חײמל.

(פוינט-אָן דעם קאָפּ און טרינקט פון פײגעלעס האנט).

מיר איז לײכטער, פײגעלע. נעכטן האָב איך גאָרנישט געקאָנט טרינקען.

2-טער אױפטריט.

רחלע, שײנדעלע און בערעלע.

רחלע.

(פרײליך און בעװעגליך, האלט אין דער האנט א בוקעט װאלדבלימעלאך).

חײמל! בלימעלאך האָב איך דיר געבראַכט. װאלדבלימעלאך...

פײגעלע (שאקעלט צופרידן מיטן קאָפּ).

אוי, סאַראַ שיינע קווייטעלאַך...

שיינדעלע.

די יאַגדעס האָבן מיר אין וואַלד אויפ־געגעסן. הײַמל טאָר נישט עסן קיין יאַגדעס... האָבן מיר בלימעלאַך געבראַכט.

בערעלע.

(נעמט־אָן חיימלען בײַ דער האַנט).

דו ווייסט, חיימל, איך האָב געפונען אַ טייבל אין וואַלד. אַ ווײַסער פֿײגל איז אויפֿן וואַסער געזעסן, פּונקט ווי אונדז מעשׂהלע, וואָס איך האָב נישט לאַנג געלייענט...

חיימל.

נאָכן טייבעלע מוז אודאי זײַן אַ פּאַלאַץ און נאָכן פּאַלאַץ אַ גאָרטן און אין גאָרטן גאָל־דענע פֿייגעלאַך...

שײנדעלע.

לאמיר מארגן גײן, װעלן מיר זעהן...

רחלע (האסטיג):

פריער זאל חײמל געזונט װערן. זעהסטו די בלימעלאך, חײמל? װעסטו נעמען אװײס בלימעלע, װעט דיר אפפאלן דיא היץ; װעסטו נעמען א בלױם—װעט דיר װערן ליכטיג אין די אױגן; װעסטו נעמען א רױטס, װעסטו װעלן לאכן. װעסטו אבער נעמען א... איך װיל דיר נישט זאגן אװאסערס, װעסטו באלד גע־זונט װערן און װעסט אראפשפרינגען פון בעט... טרעף, װאסער בלימעל קאן דיר געזונט מאכן?

(אלע קינדער שטעלן זיך ארום רחלען און חײמל זוכט מיט די אױגלאך צװישען די װאלד־בלימעלאך בײ רחלען אין האנט).

חײמל (ציט־ארױס א גרין בלימעלע).

דאס בלימעלע?

רחלע.

נײן . . .

חײמל (ציט-אַרויס א געלב בלימעלע).

דאָס ?

רחלע.

נײן . . .

חײמל (ציט-אַרויס א גאלדן בלימעלע.)

דאָס ?

רחלע.

נײן . . .

חײמל.

(טראכט לאנג. ציט נאָכדעם ארויס א װײס

בלימעלע מיט אגעלב אייגעלע איינמיטן).

דאָס?

רחלע (לאכט און שפרינגט־צו).

געטראָפן! איצט באדארפסטו עס האלטן אין די הענט, נאָכדעם אשמעק טאָן, וועסטו באלד געזונט ווערן. פריער וועסטו זיך צולאַכן און נאָכדעם געזונט ווערן...

שיינדעלע.

ווער האָט עס דיר געזאָגט?

רחלע

די באבע האָט עס מיר דערציילט. די באבע זאָגט, אז אט דאָס בלימעלע היילט קראנקע פייגעלאך און קראנקע גוטע קינדער. א גוט קינד ווערט באלד געזונט דערפון, א שלעכט קינד מוז אָנקומען צו א דאקטאָר,

חיימל.

(האלט דאָס בלימעל און שמעקט עס פון צייט צו צייט).

עס שמעקט מיט וואלד און מיט יאגדעס...
(לאכט שטיל).

שיינדעלע

און דיר ווערט בעסער?

חיימל.

און מיר ווערט בעסער. בעסער... (לאכט)
אט וועל איך אראָפּ פון בעט... פיגעלע,
גיב מיר דיין האנט... (לאכט שטיל).

פייגעלע.

(גיט אים די האנט. לאנגזאם גייט ער אראָפּ פון
בעט און טוט-אָן שטעקשיכלאך. אלע קוקן זיך צו
מיט גרויס ערנסט).

פאמעלאך, פאמעלאך...

חײמל (קוקט זיך ארום).

דער קאָפּ דרײט שױן נישט, און די הענט
איז מיר לײַכט (לאַכט).
(גײט צום טיש, פֿון טיש צום בעט און
װידער צוריק, אָבער דרײסטער און שנעלער. לאַכט.)

שינדעלע (צולאַכט זיך).

חײמל איז טאַקי געזונט געװאָרן...
(אַלע צולאַכן זיך).

פֿײגעלע.

(ציט-אַרױס נאָך אַזאַ בלימעלע פֿון בוקעט),
װי הײסט דאָס בלימעלע?

שינדעלע (ציט מיט די אַקסלען).

איך װײס נישט.

בערעלע.

איך ווייס אויך נישט.

חיימל.

איך ווייס אויך נישט.

רחלע.

ווען מיר אים געבן א נאָמען.

פייגעלע.

ווי וועלן מיר עם רופן?

רחלע (טראכט א ווײַלע).

מיר וועלן עם רופן... רופן... רופן...
לאָבבלימעלע...

(אלע צולאכען זיך, שיינדעלע כאפט רחלען
און טאנצט מיט איר, חיימל מיט פייגעלען לאכן
און בערעלע זינגט):

פאָרן יודן אין א בלאָטע
נעצן־אײַן זיי די קאפאָטע.

אָבער זינגען זינגען זיי:
„זיין וועט קאָרן, זיין וועט היי!
פאָרן יודן אין ארעגן,
סקריפען ביז די שווערע וועגן...“
(ענדיגט נישט און צולאכט זיך).

חיימל.

די רפואה דארף איך שוין נישט. איך בין שוין געזונט (לאכט). מאָרגן וועל איך מיך שוין אָנטאָן און מיר וועלן גיין אין וואלד אריין און די זון וועט אונז גלעטן די בעקלאך (לאכט און גייט אליין איבערן צימער מיט זיכערע טריט).

שיינדעלע.

חיימל, ווער קאָן שנעלער גיין: איך צי דו?

חיימל (שטעלט זיך נעבן איר).

נו, לאָמיר פרובן (גייען שנעל איבער דער שטוב).

בערעלע (קוקט זיי נאך און ציילט).

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... איר ווערט, חיימל גייט שוין שנעלער פאר שיינדרעלען.

רחלע.

(כאפט-אָן חיימלען פאר דער האנד).
גיי מיט מיר, חיימל. מיך ווּעסטו נישט איבעריאגן.

חיימל.

נו, איך וועל גיין מיט דיר (גייען זייער שנעל).

בערעלע (קוקט זיי נאך און ציילט).

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס...
(חיימל יאָגט-איבער רחלען).

רחלע.

אז דו האסט מיך איבערגעיאגט, ביזטו
שוין געזונט, חיימל.

חיימל.

(גיט א שמעק פונם בלימל, וואס ער האלט די
גאנצע צייט אין דער האנט).

איך בין געזונט און איך וויל עסן...

3-טער אויפטריט.

איך שטוב קומען-אריין חיימלס טאטע
און מאמע. ביידע קוקן פארגאפט אויף
היימלען.

דער טאטע.

חיימל, פון בעט ביזטו אראפ? וואס
האסטו געטאן?

די מאמע.

ווי, וויי איז מיר...

חיימל.

שרעק זיך נישט, מאמע, איך בין שוין געזונט

רחלע

דאָס לאכבלימעלע האָט אים געזונט געמאכט.

פייגעלע.

ער וויל שוין עסן.

חיימל.

מאָרגן גיי איך מיט די קינדער אין וואלד.

דער טאטע.

דו האָסט נאָך באדארפט ליגן אין בעט.

חיימל (צו רחלען).

רחלע, גיב אים א שמעק טאָן דאָס בלימל.

רחלע.

(כאַפּט א בלימל פון בוקעט און טראָגט-צו חיימלס טאטען צו דער נאָז).

גיב נאָר א שמעק...

דער טאטע (שמעקט און צולאכט זיך)

וואָס איז דאָס פאר א בלימל?

די מאמע.

(שמעקט אויך און נעמט קייכן פון געלעכטער).

כאַ-כאַ-כאַ!.. אוי, עס לאכט זיך, עס לאכט זיך... א מאָרגע זאך!

חיימל.

(גיט א שפרונג אויף ביידע פיסלאך און שרייט-אויס):

איך בין געזונט!! געזונט!! געזונט!!
(כאפט־ארום רחלען און גייט מיט איר אװעק).

רחלע.

(טאנצט. בעת־מעשה זאגט זי ארויס הויך און דייטליך):
און דאס בליטעלע הייסט — לאבבליטעלע!.

פאָרהאַנג

דער האַלצהעקער

א קינדער־פֿאָרשטעלונג אין פיר אַקטן.

№ 4

פאַרלאַג „קינדערטעאַטער", וואַרשע
תרפ"א 1921.

פערזאנען:

דער האָלצהעקער.
יענטע, זיין ווייב:
יאנקעלע)
) זייערע קינדער.
חנהלע)
די מכשפה.

ביים האָלצהעקער אין הייזל. אָרים, אָבער ריין. די פארלאגע בעשאטן מיט געלבן זאמד, אונטערן פענסטער זעהט זיך א וואלד.

ערשטער אקט.

יאנקעלע און חנהלע, נאָכדעם דער האָלצ-
העקער און זיין ווייב.

יאנקעלע.

חנהלע, פארוואָס ביזטו אומעטיג!

חנהלע (שטעלט-אוים א פאר אויגלאך).
עסן וויל איך...

יאנקעלע.

חנהלע, איך בין אויך הונגעריג. א גאנצן טאג נישט געגעסן...

חנהלע.

(ווייזט אויפן זאמד אונטערן פענסטער).
פון הונגער וואָלט איך איצט זאמד געגעסן...!

יאנקעלע (טרייסט זי)

ווארט, חנהלע, באלד וועט קומען דער טאטע מיט דער מאמען, וועלן מיר אפשר קריגן עפּיס צו עסן.

חנהלע (האסטיג).

ווייסט, צו די מאלינעס וואָלט איך איצט געלאפן...

יאנקעלע (רוהיג).

הײנט איז צו־שפּעט, חנהלע. מאָרגן װעלן מיר גײן צוזאַמען מיט דער מאַמען אין װאַלד אַרײן. דאָרט װעלן מיר אָנקלױבן אַ סך, אַ סך (ציטערט די הענטלעך) מאַלינעס (לאַכט).

חנהלע.

אָבער עסן װיל איך... (װײנט).

יאַנקעלע (מיט אַ געמאַכטער פרײלעכקײט)

װײן נישט, חנהלע, װײן נישט. לאָמיר בעסער טאַנצן...

חנהלע (װישט זיך די אױגן)

יאָ, טאַנצן...

יאַנקעלע.

בעסער װי װײנען. מיר זײנען דאָך עפּיס לוסטיגע קינדער. לײכטע פייגעלאַך האָבן מיר. הײ, שװעסטערל!..

(כאפט זי ארום און ביידע טאנצן און זינגען).

שוועסטער, שוועסטער, טאנץ מיט מיר,
ביידע הענטלאך גיב איך דיר.
אמאָל אהין, אמאָל אהער,
אוי, עס איז דאָך גאָרנישט שווער.
לאָמיר טאנצן שנעלער, שנעלער,
אין די אויגן ווערט אלץ העלער...

(אויף דער שוועל באווייזט זיך דער האָלצהעקער מיט דעם ווייב).

דער האָלצהעקער (פערוואונדערט)

זעה, מען טאנצט גאָר... אין שטוב איז אפילו קיין טרוקען ברויט נישטאָ.

יענטע

קינדער טאנצן...

יאנקעלע (ענדיגט דאס טאנצן).

אז מען טאנצט, ווילט זיך נישט עסן...

תנהלע.

עסן וויל איך.

יענטע (שאקעלט טרויריג מיטן קאפ)

קינדערלאך, א ליידיגע שטוב... גישטא וואס צו עסן.

דער האלצהעקער
(קראצט זיך אין פאטילניצע).

וואס טוט מען, יענטע? ס׳איז דאך עפּיס א ביטערער עסק...

(דער האלצהעקער זעצט זיך אוועק מיט דעם ווייב ביים טיש, די קינדער פארגעסן זיך און שפּילן אין ווינקל).

דער האלצהעקער.

די קינדער זיינען הונגעריג. עס עסט מיר דאס פּנים פון צער.

יענטע.

ביזט אפשר געווען אין דער מיל, ביי אברהם מילנער? אמאל גיט ער דאך דיר ארבעט.

דער האלצהעקער (טרויעריג).

געווען. נישטא קיין ארבעט. אומעטום געווען און אלע זאגן-אפ.

יענטע (זיפצט-אפ).

וואס וועט עס זיין?

יאנקעלע (הויבט אויף דעם קאפ).

זיי נישט אומעטיג, מאמע. מיר זיינען גארנישט הונגעריג. ווילסט דען עסן, חנהלע?

חנהלע.

ניין... איך בין זאט..

נאַלדענע קינדער... אינדערפֿרי װעלן מיר גיין אין װאַלד נאָך יאַגדעס. װעלן מיר דאָס האָבן אַ פֿרישטיק, קינדער...

יאַנקעלע (טאַנצט אויף איין פֿוס).

אין װאַלד! אין װאַלד! פֿייגעלאַך זינגען דאָרט און יאַגדעס װאַקסן אין גראָז! הו־האַ! הו־האַ! הו־האַ!

חנהלע.

װעלן מיר עסן יאַגדעס. װעלן מיר גיין אויף אַ שמאָל שטעגעלע. װעלן מיר הערן, װי די פֿייגעלאַך זינגען. װי די בוימער רױשן, װי די צװײַגעלאַך װיגן זיך...

(ביידע קינדער טאַנצן װידער. עס װערט פֿינסטערער. דער האָלצהעקער שטייט־אויף פֿון טיש).

דער האָלצהעקער.

ענטע.

(מאכט דאָס גלעגער און ליינט קריאת שמע).

הנהלע (גרייט זיך צום שלאָפען, זינגט).

דאָס העזעלע, דאָס העזעלע,
איז אין וואלד אנטלאָפן.
קליינע, קליינע קינדערלאך
נייען אלע שלאָפן...

יאַנקעלע (כאפט-אונטער).

שלאָפן... שלאָפן... שלאָפען...

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

ביים האלצהעקער אין שטוב.

דער האלצהעקער, יענטע און חנהליז שלאפן; יאנקעלע ווצט אויפן געלעגער. די לבנה שיינט אריין אין פענסטער.

יאנקעלע (שטיל).

חנהלע, חנהלע, שמוי־אויף, מיר האבן דאך עפּיס אפגערעדט...

חנהלע (נאך האלב־פארשלאפן).

עסן וויל איך... עס ציט אין הארצן...

גו, טו זיך אן און קום...

חנהלע (טוט זיך אָן געגעצט).

אין וואלד וועלן מיר גיין, יאנקעלע... פאוואליע... פאוואליע... פאוואליע... א שטראל וועט אונז פירן, א צווייגעלע וועט אונז גלעטן פארן בעקל, א בוים וועט אונז פארבארגן... פאוואליע... פאוואליע...

יאנקעלע (פארחלומט).

גוט איז אין וואלד. שטיל.ווארם. א מחיה.

חנהלע (פלוצלונג).

און וועלף? מען זאגט, אז בייזע וועלף גייען דארט ארום און מאכן שטילע טריט...

יאנקעלע.

חנהלע.

זײַן מכשפים?

יאנקעלע

וויינינלאך... אבער פאראן דארט איינע א מכשפה, האט זי דארט א קליין שטיבעלע פון לעקעכלאך... זיסע האניג לעקאכלאך...

חנהלע.

(שפרינגט-אויף פון התפעלות).

פון זיסע לעקעכלאך?.. קום, יאנקעלע, קום גיכער...

יאנקעלע (עטוואס אויפגערעגט).

אבער די מכשפה וועט אודאי נישט לאזן. פאוואליע וועלן מיר גיין און איינציגע לעקעכלאך וועלן מיר נעמען...

חנהלע.

אבער פריער וועלן מיר אנקלויבן מאלינעס,
רויטע, גרויסע מאלינעס.

יאנקעלע:

אודאי. מיר וועלן נעמען דעם קרוג.

חנהלע.

אבער אליין וועלן מיר נישט עסן. צוזאמען
מיטן טאטען און דער מאמען וועלן מיר עסן.
פריילאך וועט זיין, נישט וואר, יאנקעלע?

יאנקעלע (שאקעלט מיטן קאפ).

פריילאך וועט זיין און רויטע מאלינעס
וועלן מיר עסן.

חנהלע

(גייט־צו צום פענסטער אויף די שפיץ פינגער).

די לבנה שיינט אזוי... איך זעה די
שטיינדעלאך אויף דער ערד. א שיינע נאכט,
יאנקעלע...

יאנקעלע (פלוצלונג).

חנהלע, דו האסט ליב די לבנה?

חנהלע.

איך האב ליב, אבער זי שרעקט מיך...

יאנקעלע.

ניין, זי שרעקט נישט. די לבנה היט
אלעמאל די וואלד-גייער פון בייזע וועלף און
שלאנגען... די לבנה איז אזא גוטע, ווי די
זון. קום, שוועסטערל.

חנהלע (נעמט דעם קרוג. זינגט).

אין וואלד איז גוט. אין וואלד איז שטיל.
פון ווייטן רוישט אברהמס מיל...

[illegible]

און ביידן ווייזט דעם וועג די נאכט...

די קינדער נעמען זיך פאר די הענטאלך

און גייען ארויס אויף די שפּיץ פינגער.

פארהאנג

דריטער אקט

אין וואלד.

חנהלע (אומעטיג).

יאנקעלע, מיר איז שווער צו גיין. די נאכט איז שוין אוועק, און דער טאג איז שוין אוועק און מיר האבן נאך גארנישט געפונען. די מאמע מוז אודאי וויינען און דער טאטע איז אומעטיג...

יאנקעלע.

שוועסטערל, זיי פעסט. דער רבי זאגט

געפינט מען גערעשט, אז מען איז פרייליך, העלפט נאט.

חנהלע.

(פמעט מיט א וויינענדיגן קול).

הונגעריג און מיד בין איך. מער ווי ביימער זעה איך נישט. נישט קיין יאגדעס, נישט קיין מאלינעס. אמאל הורזשעט דער ווינט צווישן די ביימער...

יאנקעלע.

קלאג נישט, שוועסטערל. וועסט זעהן, מיר וועלן געפינען (גיט א שפרונג און קאלערט זיך איבער פלוצלונג): חנהלע! חנהלע! זעה, א הייזעלע שטייט!

חנהלע (פארגאפט).

פאקי א הייזעלע! (שטילער) לאמיר אריינ=

גייען ביידע צום הייזעלע. עס ווערט טונקעלער
צווישען די שפיצן ביימער באוויזט זיך די לבנה,
ווייסע ציטריגע שטראלן לייגן זיך אויף דער ערד.

יאנקעלע (פלוצלינג, מיט שרעק).

אַי, דאָס איז דער מכשפהס הייזעלע.
וועה, די ווענט זייגען פון לעקאך...

חנהלע (שטארק איבערגעשראקען).

קום-אוועק! לאָמיר אנטלויפן!

יאנקעלע.

לאָמיר זיך ראטעווען!

חנהלע.

גיכער! גיכער.

אנטרשן.

פון הייזל לויפט-ארויס די מכשפה מיט צושפרייטע הענט און מיט א שאָקלדיגן קאָפּ

די מכשפה

אוי, קינדערלאך! אוי, הערצעלאך! אוי, קעצעלאך, הינטעלאך, פייגעלאך! טרררררל,
בים-באָם! בים-באָם!
קומט צו מיר אריין,
איך וועל אייך געבן ווײַן.
קומט, קומט, קומט!
רעדט נישט, ווערט פערשטומט!

אנקעלע (אָפּציענדיג דעם אָטעם).

לאָז אונז אָפּ... מיר מוזן גיין אהיים...

חנהלע.

דער מאמע ווארט, די מאמע ווארט...

זיי ווערן וויינען . . .

די מכשפה (לאכט).

נישט געערדט און נאָר געשוויגן,
כ׳וועל איך אויסלערנען א ניגון . . .
מְשופּ-מְשופּ-מְשופּ, מְשופּ-מְשופּ-מְשופּ!
כ׳וועל איך געבן גאָלדן-זופּ . . .

חנהלע (וויינט).

איך וויל נישט . . . לאָז אונז אָפּ.

די מכשפה

אוי, פאַרגעסט דעם טאַטען, מאַמען,
איר וועט גיין אין גרינע פלאַמען,
און מכשפים וועט איר ווערן
און די וועלט, אוי, איבערקערן.
דאָ אין קעלער וועט איר זיצן,
דאָרטן שפּרינגען שוואַרצע בליצן . . .
(עפנט דאָס טירל פון א שוואַרצן קעלער נעבן הייזל)

חנהלע.

יאנקעלע... (טוליעט זיך צו אים).

די מכשפה (שלעפט זי צום קעלער)

גייט, גייט, גייט,
דארטן ווארט דער טויט...
ווערט דאָס טירל נאָר פארמאכט,
זעט שוין יענער אייביג נאכט...

יאנקעלע.

(רייסט זיך פלוצים ארויס. מיט א שנעל באוועגונג
ווארפט ער אריין די מכשפה אין קעלער אריין.
נאָכדעם מאכט ער גוט צו דאָס טירל און קוקט
זיך ארום).

חנהלע (פריילאך איבערראשט).

די מכשפה שוין נישטאָ?.. מיר קאָנען
אוועקגיין?

יאנקעלע (כוואטיש).

זעהסטו, וואָס איך קאָן, הא? זעהסטו, אז מען באַדאַרף זיך נישט שרעקן? נו, חנהלע, איצט וועלן מיר נעמען לעקעכלאך פון הייזעלע און גיין אהיים. פון קעלער וועט די מכשפה שוין קיינמאָל נישט ארויס. אין קעלער, האָב איך געהערט, קאָן מען נאָר אריין, אָבער נישט ארויס...

חנהלע (טאנצט, קושט יאנקעלען).

דו ביזט אזא גוט ברודערל, יאנקעלע... ביידע רייסן לעקעכלאך פון דער וואנט פון הייזעלע און ווארפן אין קרוג.

חנהלע (פרובט א לעקעכל).

אוי, ווי, זיס... א מחיה... האָניג... ביידע רייסן לעקעכלאך און ווארפן אין קרוג אריין. נאָכדעם נעמען זיי זיך פאר די הענט און גייען מיטן וואלדשטעגעלע אהיים. די

לבנה שיינט און די שטראַלען ציטערן אין גראָז.
ערגעץ אויף אַ בוים הערן זיך פערחלומטע
טרעלן פון אַ נאַכטפייגעל.

בײדע (פרומען שטיל).

דאָס העזעלע, דאָס העזעלע,
איז אין וואַלד אַנטלאָפן.
קליינע, קליינע קינדערלאַך
גייען אַלע שלאָפן..

פאָרהאַנג.

פערטער אקט.

ביים האלצהעקער און שטוב.

יער האלצהעקער, יענטע, נאכ-
יעם יאנקעלע און חנהלע.

דער האלצהעקער (זייער צעטראגען).

גוואלד, יענטע, וואו זיינען די קינדער?
איך ווייס נישט, וואס איבערצוקלערן! טאמער
האב איך היינט גוט פארדינט און געבראכט
אהיים פון כל=טוב, זיינען די קינדער נישטא.
וואס טוט מען, יענטע?

יענטע (ציט מיט די אקסלען).

איך האב זיי שוין געזוכט אין וואלד, אין פעלד, ביי אברהם דעם מילנער... גאט ווייס, וואו זיי זיינען פארקראכן.

דער האלצהעקער.

אפשר זאל איך זיי גיין זוכען? צום טייכל גיין... צום בריקל... דארט, געבן טאל, וואו עס וואקסט דער אלטער עפל-בוים...

יענטע.

גיי מיין מאן צום טייכל, צום בריקל, צום טאל, דארט, וואו עס וואקסט דער אלטער עפלבוים. אפשר וועסטו זיי גע-פינען. אבער דאס הארץ זאגט מיר, אז זיי וועלן באלד קומען. יאנקעלע איז נישט פון די שלאפנדיגע קינדער — ער מוז קומען אהיים בשלום.

דער האלצהעקער.

אוי, ווי דערלעבט מען שוין.

יענטע (קערט אָן דעם קאָפּ)

איך הער, דאכט זיך, טריט.

דער האלצהעקער (דערפרייט).

וואָס רעדסטו?

יענטע.

די טריט דערנעענטערן זיך.

דער האָלצהעקער.

וואָס רעדסטו?

יענטע.

נעענטער, נעענטער קומען זיי.

דער האלצהעקער.

איך הער שוין אויך (פאטשט מיט די הענט פון שמחה).

(עס עפנט זיך די טיר און יאנקעלע מיט חנהלען קומען־אריין).

יאנקעלע (פארגאפט).

מאמע! מאמע! מיר זיינען בשלום געקומען!

חנהלע (מיט גרויס עקסטאז).

לעקעכלאך האבן מיר. א מכשפה געזעהן!..

דער האלצהעקער.

וואו? וואס?

יאנקעלע.

אין וואלד. אָבער אין קעלער האָב איך זי ארייננעשטויסן. זי האָט געזאָגט: „גייט, גייט, גייט, דאָרטן וואַרט דער טויט!..

(נעמען־ארוים פון קרוג די לעקעכלאך און לייגן זיי אוועק אויפן טיש).

חנהלע.

(קאָן נאָך אליין נישט קומען צו זיך).

גריינע אויגן האָט זי און אקרומע נאָז...

אָבער דאָס גאַנצע הייזל אירס איז, קענטיג, געבויט פון לעקעכלאך...

דער האלצהעקער (לאכט).

נו, יענטע, גרייט צום טיש. די קינדער זיינען דאָ. זיי האָבן געזעהן א מכשפה, און איך האָב געהאט א גוטן טאָג. היינט איז געווען א גוטער טאָג און מאָרגן וועט זיין א גוטער טאָג און איבערמאָרגן — א גוטער טאָג... נישט געדאגהט, נישט געזאָרגט!

(יענטע גרייט צום טיש און דער האלצהעקער גייט אויף און אב און רייבט זיך צופרידן די הענט. יאנקעלע שפרינגט אויף איין פוס).

חנהלע (גייט-צו צו דער מאמען).

מאמע...

יענטע.

וואס?

חנהלע.

(שטיל, כמעט ווי רייטליך).

פערנך א לעקעכל...

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

פּיזועלע באַרימער

קינדער-פאָרשטעלונג אין 1 אַקט.

№ 5

פאַרלאַג „קינדער-טעאַטער"

1921 וואַרשע

פערזאָנען:

פייוועלע,	12 יאָר אַלט.
אברהמעלע,	10 יאָר.
לאהלע,	10 יאָר.
יענטעלע,	די איינענע יאָרן.

די זאַך קומט-פאָר אין שטאָט, א קינדערציטער,
די טעבעלירונג פֿון איינפאַבע.

ערשטע סצענע.

אַ קינדערצימער מיט צוויי טירן, בײַ דער וואַנט, נעבן פענסטער, שטייט אַ קליין שרײַבטישל און צוויי שטולן, אַנטקעגן, ליינג-אויס בײַ אַ צווייטער וואַנט—איינס אָדער צוויי בעטלאַך, קלאָר פֿערבעט. אויפ׳ן טיש—טינט און פעדער, ביכער און העפטן. אויף די ווענט—אַ געאָגראַפישע קאַרטע און אַ פּאָר קינדערשע בילדער.

אויף איינעם פון די שטולן זיצט בײַ אַ בוך אַ קלענערער יינגל און לייענט. דער עלטערער הערט זיך צו און גייט הין און צוריק איבער׳ן צימער.

יענטעלע זיצט בײַם ווינקל טיש און שרייבט.

אברהמל (לייענט):

„און ווען די בעריבע האָט דערזען, אַז עס גייט פון ווייטן אַ יונגער מענטש מיט אַ ביקס אין דער האַנט, האָט זי זיך שטאַרק איבער-

געשראָקן, האָט זי געכאַפּט אירע בערעלאַך און זיך פאַרבאָרגן מיט זיי אויף אַ הויכן בוים. אַזוי האָט זי געראַטעוועט דאָס לעבן פון אירע קליינע בערעלאַך. דער יונגער יעגער האָט גע־גלאָצט מיט די אויגן, געקוקט אויפן הויכן בוים, זיך געחדושט און בעוואונדערט דער בעריכעס טריישאַפט צו די קינדער, אָבער פון גרויס התפעלות איז אים אַרויסגעפאַלן דער ביקס פון די הענט. דעמאָלט איז די בעריכע אַראָפּגע־שפּרונגען פון בוים און געוואָלט באַפאַלן דעם יעגער, אָבער דער יעגער האָט געמאַכט אַ ויברח״.

אברהמל (אַ ביסל פאַרטראַכט, מיט באַגייסטערונג):

שיין! עס געפעלט מיר.

פייוועלע (לויפט האַסטיק איבערן צימער):

וואָס? עס איז דאָך אַ בזיון! אַ שיינער יעגער. דערשרעקט זיך פאַר אַ בעריכע און אַנ־

טלויפט. איך וואלט זיכער נישט אנטלאָפן! (מיט גדלות) איך וואָלט אפילו פאר ציען בערן נישט אנטלאָפן. איך וואָלט איר שוין געוויזן! דו קאָנסט מיך נישט.

אברהמל:

אָ, ניי פייול, ווי קענסטו דאָס ריידן אזעלכע זאכן? דו ביז נאָר א העלד מיט'ן מויל. איך וואָלט א בעלן געוועזן זען, ווי אַזוי דו ראַנגעלסט זיך מיט א בער... כא־כא־כא!... (לאכט).

פייוועלע (בייז):

וואָס לאכסטו, הא?

אברהמל:

מען טאָר נישט לאכן?

פייוועלע (שטארק אויפגערעגט):

איך ווייס, דו לאכסט, ווייל דו ביזט דוקא

א שרעקעוודיקער, א פּחדן!

אברהמל (לויפט־צו צו פּייוולען):

וואָס? איך בין א פּחדן? אויף מיר וועס־
טו זאָגן פּחדן?

פּייוועלע (שפּרינגט עטוואָס אָפּ):

מילא, וואָס האָב איך מיט דיר וואָס
צו ריידן.

יענטעלע (קערט־אָפּ דעם קאָפּ):

וואָס איז דאָ פאר א געשריי? וואָס קאָ־
מאנדעוועט איר?

אברהמל:

ער האָט געזאָגט, אַז איך בין א פּחדן!

פּייוועלע (נישט זיכער):

איך האָב דאָס געלאכט.

יענטעלע:

פֿאַרוואָס האָסטו עס גענומען?

פּייוועלע:

צוליב א בעריכע.

יענטעלע:

וואָס רעדסטו? וואָס פֿאַר א בעריכע?

פּייוועלע:

אן אמתע, א לעבעדיקע בעריכע.

יענטעלע:

א בעריכע? וואו איז זי?

פּייוועלע.

אין וואלד.

יענטעלע:

אין וואַסער וואלד?

פייוועלע:

אין א וואלד מיט ביימער, מיט מאָך, מיט יאגדעס.

יענטעלע (א ביסל אומגעדולדיק):

פייוועלע, איך פארשטיי נישט, וואָס דו רעדסט.

פייוועלע (פאלט ווידער אריין אין גדלות):

בין איך נישט שולדיק.

יענטעלע (צו אברהמלען):

אברהמלע, דו וועסט מיר זאָגן. דו ביזט א בעסערער און א קלינגערער פאר פייוועלען.

פ י י ו ו ע ל ע

(שפרייזט איבערן צימער מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ):

ווי אזוי רעדסטו צו מיר? איך בין מיט צוויי יאָר עלטער פון אברהמלען.

א ב ר ה מ ל (פאלט אריין אין די רייד):

נישט אמת, צוויי יאָר אָן א חודש!

פ י י ו ו ע ל ע:

א שפּאס, ס'אראַ גרויסע נפקא-מינא!

א ב ר ה מ ל

אָבער וואָס ווילסטו?

י ע נ ט ע ל ע:

דערצייל שוין אמאָל, וואָס איז דאָס פאר א בעריכע?

אברהמל:

ווייסט דאָך דאָס מעשה'לע, וואָס דער פעטער האָט מיר געבראכט, ווי אזוי א בעריכע האָט געראטעוועט אירע קינדערלאך, און ווי אזוי א יעגער האָט געמוזט אנטלויפן. זאָגט ווענלוועלע, אז דער יעגער איז געווען א שרע־קעדיקער, א פּחדן... ער, וועלוועלע, וואָלט אודאי צען בעריכעס דערהרגעט... און טאָמער גלויב איך אים נישט, רופט ער מיך פּחדן... (שפּרינגט ווידער צו צו בערעלע, שרייט) דאָס וועל איך דיר נישט שיינקען! איך וועל דיר שוין ווייזן, וואָס א פּחדן קאָן!

יענטעלע:

(שטעלט זיך אריין צווישן ביידן).

שטילער, נישט געשלאָגן זיך. פאַרוואָס וואַרפט איר זיך צו איינאנדער?

אברהמל (אָפּגעקילט, מיט א שמייכל):

פּחדן רופט ער מיך, יענטעלע...

יענטעלע (לאַכט):

פּחדן איז אפילו נישט קיין שייַנער נאָמען, אָבער דו האָסט נישט וואָס אַראָפּצופּאַלן, אברהמעלע...

פּייוועלע (שטייף):

פאַר א בער שרעקט ער זיך...

יענטעלע (נעמט ביידן פאַר די הענט):

איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, וואָס דאָ איז געשען, אָבער מען באַדאַרף זיך נישט קריגן.

פּייוועלע (נאָך אַלץ שטייף):

און איך זאָג ווידער דאָס איינציקע: דער

יענער איז געווען א שרעקעדיקער יונג... איך וואלט נישט אנטלאָפן פאר א בער.

יענטעלע (געלאסן):

פייוועלע, זיי מיר אזוי גוט, א בעריטע קען בייקומען אפילו אן אָקס! אויף די שטארקסטע חיות ווארפט זי זיך און פארצוקט זיי... היינט ווי אזוי וועסטו בייקומען א בער?

פייוועלע (שטאָלץ און אויפגערייצט):

דאָס איז שוין מיין זאך... איך וואלט מיר שוין אן עצה געגעבן. קאָנסט זיך שוין פארלאָזן אויף מיר...

אברהמל (מיט איראָניע):

האָסט זייער א שטארקע האנט. ביזט א גבור...

פ י י ו ע ל ע

(פאַלייריקט, טרייסלט מיט א פויסט):

זיי אַזוי גוט און העָר, וואָס דו רעדסט?
דו קאָנסט מיך נישט! איך וועל דיר ווייזן, ווער
איך בין... (גייט האסטיק ארויס).

א ב ר ה מ ל

(שטעלט אים אויס א נאָז מיט די הענט, לויגט נאָכדעם
אריין די הענט אין די הויזקעשענעס, שפּריזט וואויל־
יונגעריש איבערן צימער און זינגט):

שלאָפט דער בער אין טיפן וואלד,
שלאָפט אין הויכע גראָז,
טאנצן אלע חיזהלאָך,
שפּרינגען אויף די האָז...
(פאָרהאנג).

צווייטע סצענע

יענטעלע און אברהמל, דערנאָך לאהל׳ע.

א ב ר ה מ ל (פריילאך):

נו, וואָס זאָגסטו צו אים? איך וואָלט אים געוואָלט אָנלערנען... איך וואָלט אים גע־וואָלט באַווייזן, אז ער איז א בעריטער און א פּחדן... מען באַדאַרף עפּיס צוטראַכטן...

י ע נ ט ע ל ע:

וואָס, א שטיינער?

אברהמל:

איך ווייס נישט... אָבער מען מוז אים אָנ־
לערנען... דער טאטע זאָגט, אז א באַרימער
איז גוט צו שלאָגן...

לאהלע

(לויפט־אריין א פריילאכע, כאַפּט זיי ביידן פאר
די הענט):

וואָס זייט איר ביידע אזוי פארטראַכט?

יענטעלע:

מיר זוכן עפּעס א מיטל צו פּיוולען...
איז א בעריִמער און האַלט זיך גרויס.

לאה׳לע (שאָקלט־צו מיט׳ן קאָפּ):

אמת, אמת... דער חברה־מאן בלאָזט זיך
שוין צופיל.

י ע נ ט ע ל ע:

נו, איז וואָס זאָל מען טאָן?

ל א ה ל ע:

מען דאַרף עפּעס צוטראַכטן...

א ב ר ה מ ל:

(גיט א טאַנץ און א פּאַטש מיט די הענט איבער די קני):

שאַ! ס'איז דאָ! איך האָב א פּלאַן!

י ע נ ט ע ל ע מ י ט ל א ה ל ע

(שפּרינגען ביידע אויף א מאָל):

נו, זאָג, וואָס, וואָס?

א ב ר ה מ ע ל ע:

זאָל זיך עמיצער פאַרשטעלן פאַר א בער...

יענטעלע (שטארק פאראינטערעסירט):

נו, און וואָס?

אברהמעלע:

און דער „בער" וועט אריין אין א צווייטן צימער און זיך אוועקשטעלן אין א ווינקעלע...

לאהלע (לאכט):

אוי, וויי איז מיר. ער קען, חלילה, חלשן פון שרעק.

אברהמעלע:

מיר וועלן שוין זען זיין גבורה...

יענטעלע (אנטציקט):

אברהמעלע, דאָס געפעלט מיר...

לאהלע:

וועך זאָל זיך אָנטאָן פאַר א בער?

אברהמעלע (דרייסט):

דאָס איז נאַרנישט. איך קען זיך אָנטאָן... מען באדארף מער נישט לייען ביים שכן די בערישע פעל, וואס מיר האָבן געליען אמאָל אויף אונזערער א פאַרשטעלונג. און פארטיק!—

יענטעלע (אומגעדולדיק):

לויף, ברודערל, לויף וואס גיכער! אוי, וועט דאָס זיין א געלעכטער!

אברהמעלע (שפרינגט):

איך פלי! און איר, שוועסטערלאך, גיט דערווייל א קלער, ווי מיר זאָלן מאכן...

(לויפט ארויס).

דריטע סצענע.

יענטעלע, לאהלע, דערנאָך אברהמל און צולעצט פּייוועלע.

יענטעלע (מיט א געהיימער מינע):

פארשטייסט? מיר דארפֿן מאכן אזוי ווי מיר וואלטן מורא געהאט אריינצוגיין אהין אין צימער, ווייל דאָרט זיצט א בער. ער, דער העלד, מוז דער ערשטער אריינגיין צום בער. און דאָ וועט זיך שוין ארויסווייזן זיין העלדישקייט...

לאהלע (שטארק צופרידן):

אוי, אויב דאָס וועט זיך אונז נאָר איינ־געבן!

יענטעלע (זיפצער):

פאַרוואָס דען נישט? עס וועט זיך אוודאי איינגעבן!

אברהמעלע

(לויפט־אריין מיט א פעקל, פרייליך):

עס וועט זיך איינגעבן, איינגעבן! אָט האָב איך שוין דעם בער... (ווארפט ארויף אויף זיך די פעל, שטעלט זיך אריין אין א ווינקל און הויבט אָן צו מרוקען): מרר... מררר

לאהלע און יענטעלע (אנטציקט):

גוואלד, גוואלד, כמעט אן אמתער בער!...

יענטעלע:

פייוול וועט זיכער מיינען, אז דאָס איז אַ
בער!

לאהלע (העלפט איר צו):

ער וועט מיינען! ער וועט מיינען! פאַר-
לאָז זיך אויף מיר...

יענטעלע (פול מיט התפעלות):

און אז ער וועט אים נאָך דערזען אין אַ
פינסטערן צימער?...

לאהלע (שאָקלט מיטן קאָפּ):

אוי, איז דאָס אַ שפּיצל! (גיך) אברהמל,
בײַזט אַ כוואַט!

יענטעלע (מאַכט מיטן פינגער):

האָסט אַ קאָפּ!

אברהמעלע (דרייסט):

עס וועט זיין גוט!...

יענטעלע און לאהלע (ביידע אויף א מאָל):

טרא-לא-לא! טרא-לא-לא! טרא-לא-לא,
(כאפן זיך ביידע פאר די הענט, דרייען זיך שנעל איבערן צימער).

(הינטער דער בינע הערט זיך א קלאפ מיט א טיר, די קינדער ווערן שטיל, שפיצן מיט די אוי-ערלאך. אברהמעלע כאפט דאָס פעל, לויפט אריין אין צווייטן צימער.

פייוועלע (קומט-אריין):

וואָס שטייט איר עפּעס ביידע אזוי ווי צושראָקן?...

יענטעלע און לאהלע (צוזאמען):

מיר האָבן מורא!... (טוליען זיך צו איינאנדער).

יענטעלע:

אין יענעם צימער שטייט עמיצער... איך האָב מורא...

פײַוועלע (א ביסל צומישט):

וואָס, מען שטייט? ווער?

לאהלע:

מיר ווייסן נישט! עפּים אזוי ווי א חיה...
מסתּמא א בער... בערן גייען-ארום אין שטאָט...

פײַוועלע (מיט א געמאכטער דרייסטקייט)

זע, זי אויך א בער... ביזט דאָך נישט אברהמעלע, צו דיר וועט ער נישט קומען!...

לאהלע

(הויבט זיך אויף, די שפּיץ פינגער, רוקט זיך לאנגזאם און דערשראָקן צו דער טיר):

און איך זאָג, אַז דאָס איז אַ בער.

פּ י י ו ו ע ל ע :

בער, שמער, דרייט אַ קאָפּ! פּחדנים, איי־
נער ערגער פונם צווייטן... אַ מייזל מסתמא האָט
זי דאָרטן דערזען!

י ע נ ט ע ל ע (קליגערדיש):

נו, אדרבא, ניי אריין, פּייוועלע, גיב אַ קוק,
אפשר טאקע אַ מייזל...

ל א ה ל ע :

פּייוועלע, דו ביזט דאָך עפּיס אַ העלדי־
שער יינגל...

פּ י י ו ו ע ל ע (שטייט אויף איין אָרט):

וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר
מיט אייער בער? אַ ווערדע האָט ער ביי מיר!

זי מיינט טאקע! מיט איין האנט וואָלט איך אים איבערגעדרייט! אויף צוויי שפּענער וואָלט איך אים ארויסגעוואָרפן! פּחדנים!

יענטעלע (מיט געמאכטער שרעק):

יאָ, אָבער איך האָב פאָרט מורא...

לאהלע (פלוצלונג דרייסט):

עי, שעמען מעגסטו זיך, יענטעלע... זע, וואָס איך וועל דיר ווייזן... איך גיי צו דעם בער... איך שרעק מיך נישט... (גייט צו דער טיר, אמאָל שנעל, אמאָל לאנגזאם, מיט אמאָל א געשריי): אוי, ווי גרויס! אוי, א בער! א בער! א בער!

(עס הערט זיך א בייז מרוקען פון א בער).

לאהלע (וואַרפט זיך צוריק אין גרויס שרעק).

פיועלע

(לאָזט זיך מיט ציטריקע טריט צו דער טיר, דערזעט דעם בער):

אוי, גוואלד, באמת א בער! וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? (עס הערט זיך נאָך שטאַרקער דאָס מרוקען פון בער).

פייוועלע.

(כאפט זיך פארן קאָפּ, לויפט צוריק און שרייט נישט מיט זיין קול):

גערוואלד, ראטעוועט! געוואלד! געוואלד! געוואלד! לאָמיר אנטלויפן, וואָס שטייט איר?

לאהלע און יענטעלע.

(קוקן זיך איבער, לאהלע לויפט צו דער טיר, פארשליסט זי הענרום-פענדום און באהאלט דעם שליסל אונטערן קישן).

פייוועלע

(לויפט צו דער טיר, וויל זי עפענען, קען אָבער נישט):

אוי, וואו לויפט מען? גוואלד! גוואלד! גוואלד!

יענטעלע און לאהלע

(ליופן־ארום פארשמייעט איבערן צימער, זוכן פלומרשט דעם שליסל, נישטערן אין אלע ווינקלאך. פייוועלע וואקלט זיך פון שרעק, דער קאָפּ אין א זייט, אָטעמט שווער. דער בער דערנענטערט זיך, גייט צו דער טיר).

פ י י ו ע ל ע

(רייסט זיך פון אָרט, לויפט משוגענערווייז איבערן צי־מער און שרייט):

אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאלטן!
וואָס טוט מען? גוואַלד־אַ־אַלד! (פאלט־אוועק. עס הערט זיך א שטארק ברומען פון בער).

א ב ר ה מ ע ל ע

(פלוצלונג, פון אונטערן פעל ארויס):

אויפן אייוון קריך ארויף, מיין גרויסער גבור! נו, ווער איז א פחדן? כא־כא־כא!...

פ י י ו ע ל ע (קומט לאנגזאם צו זיך):

שיינער מענטש, דאָס ביזטו נאָר? וואָס,

דו לאכסט פון מיר?

אברהמעלע

(ווארפט-אראפ פון זיך דאס פעל, בלייבט שטיין מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ):

יא, דאס בין איך! אבער דו זאלסט גע־דיינקען, דו שיסער איינער, אז דו ביזט נישט מער, ווי א בארימער און א פחדן און א שוטה.

פייוועלע

(לאזט-אראב די הענט, בלייבט שטיין פארשעמט. די קינדער רינגלען אים ארום, טאנצן א קאראהאד און זינגען פרייליך):

בע-בעבע! בע-בע-בע!

איז געוועזן, איז געוועזן
א פייוועלע בארימער,
האט מען אים אפגעגארט
מיט א בער אין צימער...

הורא! הורא! הורא!
האָט מען אים אָפּגענאַרט
מיט א בער אין צימער!...

האָט ער דאָך, האָט ער דאָך
געזוכט צו מאכן פליטה,
זאָגן מיר אים: „פּייוועלע
באַרימערל און שוטה!“...
הורא! הורא! הורא!
זאָגן מיר אים: „פּייוועלע
באַרימערל און שוטה!“...

װינענדיק לויפן אַלע ארויס פון צימער, שלעפּן מיט אויך פּייוועלען. פון הינטער דער בינע הערט זיך נאָך זייער פריילאך לאַכן.

לאַנגזאם פאַלט דער פאָרהאַנג.

אין פארלאג "קינדער טעאטער„ ווארשא

אין ערשינען פאלגענדע קינדער פארשטעלונגען:

---

1) אין ווינטערוואלד מעשה'לע אין 1 אקט פון ד. קאסל
2) רויטהיטעלע א קינדערפארשטעלונג אין צוויי אקטן.
3) לאכבלימעלע „ „ אין איין אקט.
4) דער האלצהעקער „ „ אין פיר אקטן.
5) פייוועלע בארימער „ „ אין איין אקט.
6) חנהלע „ „ אין איין אקט.
7) באצקעלע דער מזיק „ „ אין איין אקט.

עס דרוקט זיך נאך אגרויסע סעריע פארשידענע

כינדער פיעסן

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן אין בוכהאנדלונג

„כולטור" ווארשא, דזיקע 13

Księgarnia „KULTURA" Warszawa, Dzika № 13

חנהלע

קינדערשפּיל אין איין אקט

№ 6

פארלאג „קינדער־טעאטער", ווארשע

תרפ"א 1921

זעצערײַ ש. רעזליך, ווארשע נאָוואָליפּיע 69

פערזאָנען:

מירעלע — ניין יאָר אלט.	שוועסטער
הענעלע — צען יאָר אלט.	און
לייבעלע — עלף יאָר אלט.	ברידער.
חיימל — צוועלף יאָר אלט.	

חנהלע — עלף יאָר אלט, א לערנמיידל אין א געשעפט.

א שטימע — הינטערן בינג.

ערשטע סצענע.

די בינע שטעלט פֿאָר מיט זיך אַ שיין פֿאַרפּוצט צימער, אינמיטן — אַ שיינער טישל פֿאַרלייגט מיט ביכער; אין ווינקל אַ ביכער-שראַנק, אין צווייטן — אַ קאַנאַפּקע, אַ פּאָר ווייכע שטולן, אַ בלומענקאָרב.

מירעלע און הענעלע, אָנגעטאָן אין העלע קליידעלאַך מיט בלויע בענדלאַך אין די האָר, גייען אַרום אַרומגענומען איבערן צימער.

הענעלע:

עס קאָן נישט זײַן, אז זי זאָל קאָנען מער פֿאַר אונז!

מירעלע:

אודאי קאָן נישט זײַן! (פֿאַרטראַכט זיך א ביסל) זי טראָגט אזא מאוס קלײדל מיט לאַטעס!

הענעל

(מיט פֿאַרוואורף): די שיך אויך מיט לאַטעס און קײַן היטעלע האָט זי נישט! אויפֿן קאָפּ טראָגט זי א פֿאַטשײלע!

מירעלע

(מיט א שמײכל): דו האָסט געזען, ווי זי איז אַרײַנגעגאַנגען?

הענעלע

(צעלאַכט זיך): כאַ-כאַ-כאַ! אַרײַנגעגאַנגען! זי האָט דאָך נישט געקאָנט גײן, זי איז געשטאַנען!..

מירעלע

(מיט אָנגעבלאָזענע ליפּלאַך): רײדן האָט זי אויך נישט געקאָנט!

הענעלע:

נו, און די מאמעשי זאָגט, אז זי קאָן מער פאר אונז, אז מיר דארפן זיך נאָך ביי איר לערנען!

מירעלע

(מיט פארווּרוס): פארוואָס זאָגט אזוי די מאמעשי? ווי קאָן דאָס זיין?

הענעלע

(מיט כעס, טופעט מיטן פוס): איך וויל נישט! איך וויל זיך נישט לערנען צוזאמען מיט איר! זי טראָגט א קליידעלע מיט לאטעס.

מירעלע:

די מאמעשי אָבער וויל דאָך יאָ!

הענעלע

(אומעטיק): יאָ, די מאמעשי האָט געזאָגט, אז איצט וועט שוין די לערערין קומען צו אונז ביי טאָג, ווען דאָס מיידל האָט צייט.

מירעלע:

און שפאצירן וועט מען שוין אויך נישט גיין...

הענעלע:

א גאנצן טאָג וועט מען שוין דארפן ווארטן אויף דער פּריצטע...

מירעלע:

און טאָמער קאָן זי טאקי מער פאר אונז?

הענעלע

(מיט אַ געדריקטן טאָן): וועט זי נאָכמער אויסנעמען בײַ דער מאמעשי. און די מאמעשי וועט זי נאָך ליבער האָבן פון אונז...

מירעלע

(צעווײַנט זיך פּלוצלונג): איך וויל נישט, די מאמעשי זאָל מיר פײַנט האָבן...

הענעלע

(לאָזט אַראָפּ די אויגן): ווײַן נישט, מירעלע, ווײַנ ישט, שוועסטערל... (מיט כעס) אַלץ צו־ליב איר!

מירעלע

(ווישט די אויגן, ענערגיש): זאָל זי נישט קומען צום א סוף!

העַנעלע:

אָבער ווי אזוי מאכט מען, אז זי זאָל נישט קומען?

מירעלע

(דערפרייט): נו, טאקי, ווי אזוי מאכט מען עס?

העַנעלע

(האסטיק): ווייסטו וואָס? מיר וועלן זי אויס־לאכן?.. וועט זי זיך שעמען!.. די בעסטע זאך!
(עס צעפּנט זיך די טיר און סילויעטן אריין צוויי יונגלאך, זעצן זיך אנידער און שרייען אויס ביידע אויף אמאָל): אוי, מיר זיינען מ׳ד! מ׳ד! מ׳ד!..

צווייטע סצענע.

מירעלע, הענעלע, לייבל, חיימל.

לייבעלע:

ווער וועט זיך שעמען? ועמען ווילט איר דאָס אויסלאכן?

מירעלע:

א מיידל, וואָס וועט זיך דאָ לערנען צו־זאמען מיט אונז.

חיימל:

וואָס איז דאָס פאר א מיידל?

הענעלע

(דערציילט): אין געוועלב, וואו די מאמע־שי קויפט, האָט זי דאָרטן דערזען א מיידעלע,

זאָגט די מאַמעשי, אז דאָס מיר'עלע איז ווייטער א געראָטן און גוט מיידעלע.

(מירעלע פאלט אריין אין די רייד, ענדיקן צוזאמען).

מירעלע, הענעלע:

און די מאמעשי זאָגט, אז זי קאָן מער פאר אונז און אז מיר זאָלן מיט איר צוזאמען לערנען!

לייבעלע:

אָבער פאַרוואָס ווילט איר זי אויסלאַכן?

הענעלע

(מיט פארקרימטע ליפעלאך): יאָ, און פאר־וואָס זאָגט די מאַמעשי, אז זי קאָן מער פאר אונז?

מירעלע:

און די מאַמעשי האָט אונז פיינט צוליב איר!

לייבעלע:

אז די מאַמעשי זאָגט, ווייסט זי מסתמא!

הענעלע :

אָבער... אין צעריסענע ש׳ך גײט זי...

מירעלע :

אין אן אלט פאַרלאַטעטע קליידל גייט זי!

הענעלע :

און א נארישע איז זי: די טראָגט-אָפּ פעקלאך פון יעזעלב!..

חיימל :

איז וואָס? מען טאָר אָבער קיינעם נישט אויסלאַכן!

רייבעלע:

אַט, אברהמעלע דעם שוסטערס גייט אויך אַרומגעריסן, פונדעסטוועגן קאָן ער אַזוי גוט לערנען.

מירעלע

(ענערגיש): טאָ לערן זיך מיט אים!

הענעלע:

פאַרוואָס לערנט זי ניט לייבעלען ?

לייבעלע:

אַהער מיט אַברימלען שפּילן מיר זיך !

חיימל :

אז דער טאַטעשי וואָלט געוואָלט, וואָלטן מיר געלערנט אויך !

מירעלע :

(וויינט, ווישט מיט די הענט די אויגן) : דער טאַטעשי איז א גוטער !

לייבעלע :

די מאַמעשי איז אויך אַ גוטע : אז די מאַמעשי גיט מיר א גלעט, ווילט זיך מיר טאַנצן !

הענעלע :

אָבער מיר ווילן זיך נישט לערנען מיט דער מיידעלע !

חיימל:

אז די מאמעשי הײסט, װעט איר זיך יא

לערנען!

מירעלע און הענעלע

(לויפן-צו צו די ברידער, ביידע אין איין קול):

מירן זי ארויסטרייבן! ארויסטרייבן!

לייבעלע און חיימל

(ביידע צוזאמען, געלאסן): דאס װעט מען

שוין זען!

מירעלע

(אין א װײלע ארום): מיר קענען שוין טאנצן

און זי נישט!

הענעלע:

און זינגען אויך! און ריידן אויך! אלץ

בעסער פאר איר!

לייבעלע

(לאכט): א שפאס. אלע מאלפעס קענען

טאנצן! אזוי האב איך געלייענט אין א ביכל.

חיימל:

און ריידן איז אויך נישט קיין קונץ! ליי־
ענען קאָנט, שרייבן!

הענעלע:

מיר קאָנען בעסער פאר אייך!

מירעלע

(מיט געשריי): איר קאָנט אליין גאָרנישט!

הענעלע

(מיט כעס): מיר וועלן זי ארויסטרייבן!
ארויסטרייבן!!!

מירעלע

(שדייט נאָך העכער): מיר וועלן איר שוין
ווייזן, וואָס זי איז! זי וועט אונז שוין געדיינקען!

חיימל

(כאפ זיך אָן פארן קאָפּ): וואָס שרייט איר
אזוי?

לייבעלע:

די פריצטעס געפעלט נישט דאָס מיי־
דעלע...

מירעלע

(שרייט): ער זאָגט אונז אויך אדעה!

הענעלע

(שרייט): ווער הערט איך!

חיימל

(מיט כעס): אָבער וואָס שרייט איר אזוי?

לייבעלע:

אמתע גענז: גאַר־גאַר־גאַר־גאַר...

הענעלע

(מיט כעס): ניין, מיר ווילן זי נישט קאַ־נען!..

לייבעלע

(מיט שפאס): אָבער אז די מאמע הייסט, שוועסטערל?..

הענעלע

(קרימט אים איבער): אז די מאמע הייסט...

חיימל:

איר זייט שלעכטע מיידעלאך.

ליבעלע:

אָבער שרײַט נישט אַזוי.

העניעלע

(הויך): און מיר וועלן טאַקי אַלעמאָל שרייען, אַז דאָס מיידל וועט זיך לערנען מיט אונז.

מירעלע:

(שרײַט הויך): פון שטוב וועלן מיר זי אַרויס-יאָגן. זי וועט נישט קומען צו אונז! זי איז נישט אונזער גלײַכן.

(ביידע שוועסטערלאַך טופּן מיט די פיס און וואַרפן זיך צו די בריִדערלאַך).

דריטע סצענע.

די פריערדיקע און חנהלע.

(חנהלע קומט אריין. א בלאס מיידעלע, ריין, אָבער זייער אָרים אָנגעטאָן. שטייט און קוקט זיך ארום אין צימער. די קינדער בלייבן שטיל מיט־אַמאָל).

העניעלע

(כאַפּט זיך די ערשטע): וואָס פאַרלאַנגסטו דאָ?

חנהלע

(שטיל): גוט־מאָרגן!

לייבעלע און חיימל

(פריינטלאך): גוט־מאָרגן, גוט־מאָרגן, מיי־דעלע!

מירעלע

(דרייט זיך אויס אויף א רגע צו דער וואנט).

הנהלע

(שטייט אויף איין אָרט, האלט דעם ברעג פאר־טוכל אין די הענט, שטיל): מען האָט מיר געזאָגט, אז דאָ וועט מען מיך לערנען!

הענעלע

(שארף): יאָ! באלד וועט מען דאָ לערנען! (לויפט־צו צו מירעלען, סודען זיך ביידע שטיל).

(די יינגלאך גייען ארויס אין צווייטן צימער, לאָזן אָפן די טיר).

הענעלע און מירעלע

(כמעט ביידע אויף אמאָל): זאָג, וואָס האָסטו שוין געלערנט? וואָס קאָנסטו?

הנהלע

(נישט דרייסט): איך קאָן לייענען, שרייבן...

הענעלע

און וואָס נאָך?

חנהלע:

איך קען שיינע לידעלאך... אונטער די גרינינקע ביימעלאך, שפילן זיך משהלאך, שלמה-לאך... און איך קאן רעכענען...

מירעלע

(פלוצלונג): און טאנצן קאנסטו אויך?

חנהלע

(גישט זיכער): איך קאן א ביסעלע!

הענעלע:

חיבן ווי אזוי? (חנהלע פרובט טאנצן).

הענעלע און מירעלע

(לאכן): אוי, ווי זי טאנצט! אוי, ווי זי טאנצט!

מירעלע

(האסטיק): אט זע, ווי מען דארף טאנצן! כאפט הענעלען פאר די הענטלאך,ביידע נעמען זינ-גען און טאנצן. דרייען זיך שנעל איבערן צימער.

טאַנצן אויס אַ פּאָלקע, גיבן זיך העפלאַך אַ נייג פאַר חנהלען, מיט שטאָלץ) זעמט!..

חנהלע

(אנטציקט): אוי, ווי שיין!

הענעלע

(כאַפּט חנהלען פאַר די הענט) : נו, איצט קום דו!

חנהלע:

אָבער איך קען דאָך נישט אזוי!

מירעלע

(כאַפּט אַרום חנהלען ביי דער טאַליע) דו וועסט קאָנען! אויב דו ווילסט זיך לערנען מיט אונז, באַדאַרפסטו קאָנען טאַנצן.

הענעלע:

זי וועט זיך אויסלערנען, נישקשה!.. (טאַנצט ווידער, חנהלע טאַנצט-מיט, אָבער שוואַך).

מירעלע:

טאַנץ, טאַנץ, וועסט זיך אויסלערנען.

חנהלע:

ניין, איך קאָן נישט מער.

הענעלע:

געדיינק, דו וועסט נישט קאָנען טאַנצן...

מירעלע:

מאוס, א מיידעלע קאָן נישט טאַנצן.

חנהלע:

איך וויל זיך בעסער לערנען... און לי־דעלאך האָב איך ליב... (דעקלאַמירט) פאַלן, פאַלן שנייעלאך...

הענעלע

(זינגט און טאַנצט א פּאָלקע—רייסט איר אי־בער): דו האָסט ליב לי־עלאך און איך—טענץ...

חנהלע:

(פויזע): ווען וועלן מיר זיך לערנען?

מירעלע:

וואָס איילסטו זיך אזוי?

חנהלע

(מיטן גאַנצן האַרצן): עס איז אַזוי גוט צו לערנען...

העגעלע

(קרימט איר איבער): עס איז אזוי גוט צו טאַנצן...

(חיימל מיט לייבעלען קומען-אַריין, קוקן אויף חנהלען, הערן זיך צו, וואָס מען רעדט).

מירעלע

(צו די ברידערלאך): זי קאָן דאָך נישט טאַנצן און זי שעמט זיך גאָרנישט...

חנהלע:

אָבער איך בין געקומען אהער זיך לערנען. מע האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט מיך דאָ לערנען.

לייבעלע:

זי וויל זיך בעסער לערנען, איידער טאַנצן. וואָס קאָנסטו, מיידעלע?

חנהלע

(ווייך): איך קאָן שרייבן, לייענע, רעכע־
נען און... איך קאָן שיינע, שיינע לידעלאך.

חיימל:

זאָג אונז אַ לידעלע...

חנהלע

(שטעלט זיך אינמיטן צימער, פארלייגט די
הענטלאך אויפן הארצן, דרייסט):

פרילינג, פרילינג,
בלוי און גרין!
אין דעם רויז־קוסט
שפילט א בין.

אויף א גרעזל,
פלינק און גרינג,
טאנצט און גלאנצט
דער שמעטערלינג.

פרילינג, פרילינג,
גרין און בלוי!
און די בלומען
פול מיט טוי.

„ווער וועט טרינקען ?
עס ווערט גיך !"
— טרינקען וועט דער
שטראל און איך!

פרילינג, פרילינג,
יינגל, זעסט ?
אויף דעם שפיץ פון
בוים א נעסט.

ס'וואוינט דער קוקו
דאָרט—ער מאכט:
„קוקו ! — קוקו !"
אלע נאכט !..

הענעלע און מירעלע

(שטארק אנטציקט) : אוי, ווי שיין ! אוי, ווי שיין ! דו קאָנסט דאָך אזוינע שיינע לידער, מיר האָבן גאָרנישט געוואוסט...

מירעלע

(גייט-צו צו חנהלען, נעמט זי אָן ביי דער האנט, קוקט איר צארט אין די אויגן אריין) : זאָג, וואָס קאָנסטו נאָך ?

חנהלע

מען רופט מיך חנהלע... איך קאָן נאָך
שיינע לידעלאך... און שפּילן קאָן איך...

רייבעלע:

ועט איר שוין, חנהלע איז א וואויל מיידע־
לע און לידעלאך קאָן זי.

חיבל:

חנהלע, זאָג אונז נאָך איין לידעלע.

חנהלע

(לייגט זו דער צונויף די הענט אויפן הארצן,
הויבט־אויף דעם קאָפּ און דעקלאמירט):

די גרעזעלאך בליען
און וואלד אלע גלייך!
א קינד מעג זיין פריילאך —
צי אָרים, צי רייך!

מיר זיינען נאָך אלע
גאָר קינדערלאך קליין,

אונז פּאַסט נאָר זײַן פֿרײלעך
און טאַנצן צו גײן,

אונז פּאַסט נאָר זיך דרײען
ראָד־אױס און ראָד־אײַן,
אַז װאױל איז אונז ייִדישע
קינדער צו זײַן!

העניעלע און מירעלע

כאַפּן־אַרום חנהלען און גײען מיט איר אַ טענצל, זינגען בעת־מעשה:

אַז װאױל איז אונז יודישע קינדער צו זײַן!

העניעלע

(שטעלט זיך צו): נו, איצט װעלן מיר שפּילן, און װאָס װעלן מיר שפּילן?

חנהלע

(פֿאַרטראַכט זיך): אין קאַמער־קאַמער־הױז.

חײמל

(לעבעדיק): נו, גוט, זאָל זײַן אין קאַמער־קאַמער־הױז.

ל״ על:

דאָס איז אַ פֿריילאַך שפּיל. ווי אַזוי ווע[illegible]ן מיר עס שפּילן?

חנהלע:

איך וועל אײַך ווײַזן. עס וועט שוין זײַן גוט (שטעלט אויס די קינדער אין אַ שורה און פֿרעגט): קינדער, וואו וואוינט אַ שוסטער? (לערנט זיי! ווי צו שפּילן).

העניעלע און מירעלע

(די הענט צוזאַמענגעלייגט, אַנטציקט, ביידע אויף אַמאָל): זייער אַ פֿריילאַך שפּיל!

חנהלע

(די אויגן אַראָפּגעלאָזט מיט אַ גליקלאַכן שמייכל): מײַן מאַמעשי האָט דאָס מיר אויסגעלערנט! (הויבט אויף דעם קאָפּ) נו, וואו וואוינט אַ שוסטער!..

די קינדער

(צוזאמען לעבעדיק): דאַרטן!

(עס הויבט זיך אָן א גאלאָפּ פון איין ווינקל אין צווייטן, דאָס שפּיל גייט, די קינדער שרייען פריי־לאך).

(פּלוצלונג) אַ שטימע הינטער דער בינע):

קינדערלאך, קינדערלאך, די לערערין איז גע־קומען!

מירעלע:

אוי. די לערערין איז דאָ! די לערערין איז דאָ! מען דארף גיין לערנען.

הענעלע

(אנטציקט און צושטיפּט): אָבער חנהלע זאָל אויך גיין מיט אונז! קום, חנהלע, קום מיט אונז!

מירעלע:

(כאפּט חנהלען פאַר די הענט): קום, חנהלע, קום מיט אונז! אַלעמאָל וועסטו שוין זיין ביי אונז!

חיים און לײ_ל

(טאַנצנדיק): אַ ע_אָל! אַלעמאָל מיט חנהלע צוזאַמען!

אַלע קינדער

(מיטאַמאָל): צוזאַמען, צוזאַמען, צוזאַמען (פֿאַרלאָזן טאַנצנדיק די בינע).

פאָרהאַנג.

באצקעלע דער מזיק

קינדער-קאָמעדיע אין איין אַקט.

№ 7

פארלאג „קינדערטעאטער", ווארשע
תרפ"א 1921.

פּערזאָנען:

בערעלע	13 יאָר אַלט	
איטעלע	11 " "	שוועסטער און ברידער
מאירל	10 " "	
רייזעלע	8 " "	
שלמהלע	9 " "	אַ שכנס אַ ייִנגל.
כאַצקעלע	12 " "	אַ שוועסטערקינד, געקו־מען צופאָרן.

אַ שטימע הינטערן בינע.

אויף דער סצענע — אַ צימער מיט צוויי טירן: איינע — פירט אין הויף, די צווייטע אין דערבייאיקן צימער. אינ־מיטן שטייט אַ טישל מיט שטולן, אין איין ווינקל — אַ קליידערשראַנק, אין צווייטן — אַ וואַשטישל, אַ שיסל וואַסער, זייף און אַ האַנטוך. בײַ די ווענט דרײַ קינדערשע בעטלאַך.

1-טע סצענע.

איטעלע, רייזעלע, דערנאָך בערעלע.

איטעלע זיצט בײם טיש, לייענט אַ בוך.
עס קומט-אַריין רייזעלע.

רייזעלע

(כאַפּט אויף'ן האַנט, רעדט צו זיך אַליין מיט טרערן אין קול): אוי, ער האָט מיר אָפּגעבריט די האַנט...

איטעלע

(גיט זיך אַ כאַפּ, לייגט אַוועק דאָס בוך, לויפט צו צו רייזעלען): וואָס איז דיר, רייזעלע, עס טוט דיר וויי די האַנט?

רייזעלע

(האַלב-וויינענדיק): כאַצקעלע האָט מיר גע-וואַנט, אַז אויפן קטאָוישערקע ליגן צוקערלאַך

פאר מיר... (ענדיקט נישט, וויינט).

איטעלע

(בויגט זיך צו צו רייזעלען, גלעט איר): נו, שא, שא! דערציייל, שוועסטערל, וואס איז געווען.

רייזעלע

(מיט טרערן): נאר איך נעמען די צוקער-לאך, האב איך אריינגעטאן די האנט אין הייס וואסער... (וויינט).

איטעלע:

האסטו זיך אפגעבריט די האנט!

רייזעלע

(הויבט-אויף די אפגעבריטע האנט): עס טוט מיר אזוי וויי! עס קען נאך ווערן א בלאטער!

איטעלע

(מיט כעס): באצקעלע איז א שלעכטער יינגל...

בערעלע

(לויפט האסטיק אריין): וואס איז דא? וואס

וויינט זי!

איטעלע

(שטארק דורכגענומען מיט רחמנות צו רייזעלען):

זי האָט זיך אָפּגעבריט די האַנט.

בערעלע

(צו רייזעלען): אָפּגעבריט! ווייז אַ קוק!

רייזעלע

(ווייזט אים די האַנט, זאָגט מיט טרערן אויף די אויגן):

ער האָט געזאָגט, אַז דאָרט ליגן פּאַר מיר צוקער־לאַך... ער האָט מיך אָפּגענאַרט...

איטעלע:

ועסט דאָך, זי האָט זיך אָפּגעבריט.

בערעלע:

אָבער ווער האָט דיך אָפּגענאַרט?

איטעלע:

ווער? באַצקעלע... אַ שלעכטער יונג, מען קען פון אים נישט אויסהאַלטען!

רייזעלע

(מיט כעס): געכאַפּט אז מיר ווייזען געוואַנגען, האט ער אונז אונטערגעלייגט א שטעקן אונטער די פיס...

איטעלע

(פאַלט-אַריין אין די רייד): זיינען מיר ביידע אונטערגעפאַלן...

בערעלע

(שאָקלט מיטן קאָפּ): דאָס איז א חבריה-מאן... שוין איין מאל א שטיפער...

2־טע סצענע.

דיזעלבע און מאירל.

(עס הערעז זיך קולות הינטערן בינע): לאז מיך ! לאז מיך אפ! (עמיצער גיט האסטיק אנ׳עפן די טיר און שטופט אריין מאירלס קאפ, איינגעוויקלט אין א גרויסער פאטשיילע, די הענט אויף הינטן פארבונדן מיט א האנטוך).

אלע קינדער

(שרייען אויף א מאל): אוי, מאירל ! מאירל ! (רינגלען אים ארום און וויקלען אים אפ).

מאירל

(וויינט מיט א פארשטיקטער שטים): ער האט מיך געכאפט, ער האט מיך געבונדען ! ווײט, וואס ער האט געטאן...

בערעלע

(רוחיק): האסט זיך נישט בארארפט

ראון!

מאירל

(שוין אנ׳אפגעוויקלטער): אבער ער איז אזוי

געזונט!

רייזעלע:

מאירל איז דאך קלענער פאר באצ-

קעלען!

איטעלע

(ענערגיש): מאירל, פארוואס שווייגן מיר

אים? מען טאר אים נישט שווייגן!

מאירל

(מיט כעס): וועל איך אנשיקן יינגלאך

אויף אים!

בערעלע:

גיי מיט דיינע יינגלאך! איך קען אים

אליין אנקלאפן די ביינער!

איטעלע

(וויך): קינדער, שלאגן אים — דאס נישט!
ער איז דאך אונזערער א גאסט!

מאירל:

נו, איז וואס, דארף ער מיך בינדן!

רייזעלע

(הויבט ווידער אויף איר אפגעבריטע האנט): און
מיך דארף ער אפבריען די האנט?..

בערעלע

(בייז): מען מוז אים אנלערנען!

איטעלע:

און אז דער פעטער וועט קומען צופארן,
וואס וועט ער זאגן?

מאירל:

מא זאל זיך זיין יינגעל נישט שלאגען...

איטעלע:

אבער דער מאטעשי זאגט, אז ער האט

זייער א גוט קעפל!

רייזעלע

(אומעטיק): און די מאמעשי האט עס אויך געזאגט!

מאירל

(מיט פארדרוס): מעג ער שוין טאן, וואס ער וויל?...

בערעלע:

ניין, מע טאר אים נישט פארשווייגן...

איטעלע

(נאַגעניק): פארשווייגן נישט, אבער נישט שלאגן!

בערעלע:

מיר וועלען שוין געפינען עפּיס אן עצה צו אים...

מאירל:

פארוואס זאלן מיר אים דאס שיינקען? ער מעג אונז יא שלאגן!

בערעלע:

איך וועל אים שוין ווייזן, ווי אזוי צו שטיפן.
ער וועט מיך שוין געדיינקען...

רייזעלע:

בערעלע, לאָמיר אים אויך פארבינדן
א היטער די הענט...

בערעלע:

שרעק זיך נישט, ער וועט שוין באקו-
מען זיין חלק...

3-טע סצענע.

דיזעלבע און **שלמהלע,** דערנאָך **באַצקעלע.**

(אין דער טיר, וואָס צום הויף, באַווייזט זיך שלמהלע. ער וויינט. דאָס פּנים איינגעשמירט אין רויטן און גריטעם פאַרב. אויפ'ן ברוסט, אויפ'ן רוקען און אויף די אַרבל זײַנען אים צוגעקלעבט דרייקאַנטיקע שטיקער פּאַפּיר. אין קאָפּ שטעקן אים לאַנגע פעדערן. ועט-אַרים זייער קאַמיש).

שלמהלע

(דערנענטערט זיך, רייבט די אויגן, וויל וויינען)
ועט, וואָס באַצקעלע האָט מיר געמאַכט!

די קינדער

(רינגלען אים אַרום, באַקוקן אים פון אַלע זייטן).

איטעלע

(ענערגיש): מיר וועלן אים דאָס נישט שענקען! . . .

רייזעלע

וויינט): שלמהלע, עס טוט דיר וויי?

שלמהלע

(האלב-וויינענדיק): עס טוט מיר נישט וויי,
אבער עס איז מיאוס!

מאירל:

וועןן האט ער דיר עס געמאכט?

בערעלע:

למאי האסטו זיך געלאזן?

שלמהלע

(נעבאכדיק): אז איך האב נישט קיין כוח!

בערעלע:

ע, ביזטו א שוואך יינגל...

מאירל

(קרימט איבער בערעלען): א שוואך יינגל...
פרוב זיך אנהויבען מיט אים, וועסטו זען...

רייזעלע:

ער איז אזא שטארקער!

איטעלע

(אנטשלאסן): אָבער מיר וועלען אים אױך שלאָגן?

(מיטאמאָל ווערן אַלע קינדער אנטשוויגן. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּערײַ און אַ פּײַפערײַ. באָצקעלע לױפט־אַרײַן רײַטנדיק אויף אַ לאַנגער קער־באַרשט, מיט אַ בײַטש אין האַנט. אויף'ן קאָפּ טראָגט ער אַ גרויסן דרײַקאַנטיקן קאַפּעלױשל פון רויטן, געלן און גרינעם פּאַפּיר).

באָצקעלע

(רײַט שטיפעריש אַרום איבער דער גאַנצער בינע, זינגט אַ לידל און שרײַט): מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע! טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ!..

די קינדער

(טוען זיך אַרום מיט ברייט אױפגעריסענע אױגלעך און שווײַגן).

בערעלע

(גיט זיך אַ ריס פון אָרט, יאָגט אים נאָך,

פרובט אים כאפן): דאסמאל וועסטו זיך שוין פון מיינע הענט נישט ארויסדרייען, דו חברה־מאן!...

באצקעלע

(וווארפט־ארונטער דעם בייטש אונטערן אָרעם כאפט ארויס פון קעשענע א הויפן קאָלירטע פאפיר־לאך און שיט זיי פאנאנדער איבער די קינדער. עס ווערט א רעגן פון קאָלירטע פאפירלאך. באלד דערויף שטעלט ער ארויס א צונג און שרייט): איך לאך פון דיין הימעל'ע! ווער קאן מיר דא עפּיס טאן!..

(פערשווינדט רייטנדיק אויפן קערבאַרשט. בערעלע לויפט אים נאָך).

רייזעלע

(טרייסלט־אָפּ דעם קאָפּ פון די פאפירלעך): קינ־דער, איך האָב זיך דערשראָקן!...

שלמה'לע

(אנטציקט): האָט איר אָבער געזען, ווי גוט ער רייט?

מאירל:

איך קען בעסער פאר א ם!

איטעלע

(פלוצלונג): וואָס שטייט איר? קומט, לאָמיר דערציילן דער מאמעשי! (נעמען זיך פאר די הענט און גייען ארויס).

4-טע סצענע.

פֿריער בערעלע נאָכדעם כאַצקעלע, מאירל, רייזעלע, שלמהלע, איטעלע.

(אַ שטימע הינטער דער בינע).

בערעלע

(גייט אריין פֿאַרמאַטערט, זעצט זיך אַוועק, ווישט דעם שטערן): פֿון די הענט איז ער מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן! איך מוז זיך מיט אים אָפּרעכענען! (קליינע פּויזע, הערט זיך צו): שאַ! ער גייט. (לויפֿט געשווינט אַריין אין קליידער-שראַנק, פֿאַרמאַכט זיך).

כאַצקעלע

(אין דעם דעמזעלבן קאַפּעליוש, פֿאַרדרייט אין אַ זייט, דאָס פּנים צופֿלאַמט פֿון שטיפֿן, די הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן): ווי די מייז זיינען זיי זיך צולאָפֿן!...

(לאכט). וואָס טוט מען עפּעס איצט! איך האָב ליב צו שטיפן! (לויפט באַלד ארויס).

בערעלע

(עפנט פאַמעלאך די טיר פון קליידער־שראַנק, קוקט ארויס): איך האָב מיך אפילו געוואָלט אָפּ־רעכענען מיט אים, אָבער לאָמיר בעסער אָפּוואַרטן. שא, ער גייט צוריק! (באַהאַלט זיך ווידער).

באַצקעלע

(קומט אַריין מיט אַ גרויסן קויש האָלץ, זינגט): טידל־לידל, טידל־לידל, טידל־לידל — באַם!... אָט וועל איך אייך טאַקע אויסבעטן די בע־טעלאַך. אוי, די בעטעלאַך, אוי, די וויכינקע, אוי, די שיינינקע!... (נעמט־אַראָפּ די קאָלדרעס, די דילעכער פון צוויי בעטלאַך ליגט פונאַנדער דאָס האָלץ און באַדעקט זיי מיט די קאָלדרעס, רעדט ווייך): העלצעלאַך, העלצע־לאַך, גוט וועט אייך זיין! וואַרים וועט אייך זיין!... (הערט זיך פלוצלונג צו). אָבער זיי קענען נאָך אָנקומען! מען דאַרף מאַכן פּליטה!.. (לויפט־ארויס).

בערעלע

(שפרינגט ארויס פון קליידערשאנק): ווארט, חברהמאן! איך האב אלץ געזען! היינט וועסטו זיך פאר אלץ באצאלן!

(עס קומען אריין: איטעלע, מאירל, רייזעלע, שלמהלע).

מאירל

(צו בערעלען): נו, האסט אים געבאפט?

רייזעלע:

מיר האבן אלץ דערציילט דער מאמעשי!

איטעלע:

די מאמעשי זאגט, אז דער פעטער וועט קומען, וועט ער זיך שוין אפרעכענען מיט אים.

שלמהלע:

די מאמעשי זאגט, איך זאל אלץ דער-

ציילן זײַן טאטעשי.

רייזעלע:

ער וועט שוין קריגן...

בערעלע:

איר שווײַגט נאר, קינדער, ער וועט שוין הײַנט בײַ מיר אליין קריגן! ער וועט שוין מיר האבן, דאכט זיך, צו געדיינקען...

איטעלע

(פריילאך): וואס וועסטו אים טאן?

מאירל:

נו, וואס וועסטו אים טאָן?

בערעלע

(מיט נצחון): איך וועל אייך באלד עפעס ווײַזן! (דעקט אָפּ די קאָלדרעס, די קינדער דערזעען דאָס האָלץ).

אלע קינדער

(צוזאמען): אָט א יונג א ביסל! די בעט-

לאך פארלייגט מיט האַלץ!...

מאַירל

(לויפט צו באַצקעלעם בעט, דעקט אָפּ): איר זעט, אין זיין בעטל האָט ער נישט אַרײַנגעלייגט קיין האָלץ...

איטעלע:

צו וואָס זאָל ער אַרײַנלייגן האָלץ בײַ זיך אין בעטל? ער האָט דאָך אײַך געוואָלט אָפּטאָן!

בערעלע:

ער האָט געמיינט, אַז קיינער וועט נישט וועלן מיר זיך צוקלאָפּן די קעפּ, וועט מיר וועלן זיך לייגן שלאָפֿן.

רייזעלע:

א ביטערער יונג...

איטעלע:

אבער מיר וועלן אים דאָס נישט שיינקען...

מאירל:

בערעלע, דו באַרימסט זיך, דאָך, אַז דו וועסט זיך אָפּרעכענען מיט אים... ווּאָס רעכענסטו זיך נישט אָפּ?..

בערעלע:

שווייג אַ ווײַלע, וועט איר הערן!

איטעלע:

זאָג שוין!

בערעלע:

די ערשטע זאַך דאַרף מען אַלע העלצער אַ ייגלייגן אין זיין בעט...

איטעלע:

(אנטציקט): אוי, ווי גוט! אַז כ'עו וועט ער ליגן שלאָפן, וועט ער כאַפּן דעם גוטן קלאַפּ!

מאירל

און וואָס נאָך?

ריזעלע:

זאג, וואס נאך?

בערעלע:

אבער אז איר וועט טומלען, וועט גאר נישט זיין! איר טוט אלץ, וואס איך וועל איך הייסן, און שווייגט!

איטעלע:

נו, גוט, מיר וועלן שווייגן...

בערעלע

קלייבט צונויף די העלצער און לייגט זיי אריין אין לאצקעלעס בעטל.

(אלע קינדער קוקן זיך איבער. נאכדעם טראגט מען די העלצער צו לאצקעלעס בעטל. בערעלע לייגט זיי אוים אינם בעטל אזוי, אז מען זאל נישט דערקענען, באציט זיי מיטן לייַלעך, קלאפט אוים דעם קישען און גרייט-צו דאס בעטל צום שלאפן).

איטעלע

(טאַנצט אויף איין פוס): דער מויק וועט שוין כאַפן דעם גוטן קלאפ...

מאירל:

ער מיינט, אז ער מעג אלץ טאָן און מיר — גאָרנישט. זאָל ער אויך וויסן, אז מיר קאָנען זיך אָפּרעכענען מיט אים...

די דינסט

(קומט-אריין מיט א גרויסן טאַץ אין דער האַנט אויפן טאַץ — גלעזער מילך און ברויט מיט פּי-טער): קינדער, עסט! אפ גיכער אין גייט שלאָפן, עס איז שוין שפּעט. די מאַמעשי האָט געזאָגט, אז איר האָט שוין לאַנג באַדאַרפט שלאָפן... (אפּ).

פאַצקעלע

(שפּרינגט - אריין אויף איין פוס, זינגט) אייגדל - ביינדל, צוקערשטיינדל... טראָם דראם - טראם, טאַרא - טארא -טארא - ראַרא-

ראפו.. (שטעקט-אויס א צונג, מאכט זיך שפור אין ניט מאירלען א קניפ פארן עלנבויגן). שרעק זיך נישט מאירל, שרעק זיך נישט. איך האב דיר בלויז א קליין קניפעלע געטאן... (לאכט)

(די קינדער שווייגן און זעצן זיך עסן. די מיידעלעך ווילן לאכן אין האלטען זיך איין)

איטעלע:

כאצקעלע, פארוואס עסטו נישט?

כאצקעלע

(גייט-אום איבערן צימער און מאכט זיך פאר א הינקענדיקן. זינגט מיט איין אטעם): פורן פארן, פירן קארן, בארג - ארויף, בארג-אראפ!... פורן פארן, פירן קארן, בארג-ארויף, בארג - אראפ!... בערעלע האט א גרויסן קאפ... מאירל האט א נאז, ווי א קנאפ... און איטעלע האט נישט קיין צאפ און רייזעלע זעט-אויס ווי א מופ.. (בלייבט פלוצלונג שטיין). עסן וויל איך נישט. שלאפן

וויל איך. (לויפט האסטיק צום בעטל, פאלט־א רויף אויפן בעטל, ווי א שטיין און צוקלאפט זיך, כאפט זיך ביי דער זייט, קוקט זיך ארום, הויבט אויף דעם קאפ און נעמט ווינקען מיט איין אויגל צו די קינדער): ע, חברה, איר האט גאר מיר אפגעטאן!...

די קינדער

(אלע צוזאמען שיסען אויס א הויך אין הויל־לאך געלעכטער, איטעלע כאפט זיך ביי די זייטן מאירל פאטשט מיט די הענט, רייזעלע שפרינגט איבערן צימער, בערעלע ציט אויס די נאז).

כאצקעלע

שפרינגט־אראב פון בעטל, כאפט ארויס די העלצער פון אונטערן לוילעך): איך האב אייך געוואלט אפטאן, האט איר גאר מיר אפגעטאן... ועט איר, איך האב נישט צו אייך. מיר ארט עס נישט. איך האב ליב א פריילעך שפיל. היינט בין איך ארייננעפאלן... נו, מילא, איז אויך קיין בייז נישט...

(מאכט זיך פאר א הינקעדיקן, ווארפט־ארויס מיט איין אטעם): פורן פארן, פירן קארן, בארג ארויף, בארג אראפ!.. (ווארפט אראפ די העלצער אויף דער פאדלאגע).

בערעלע:

אבער, כאצקעלע, מיר האבען דיך אנגעלרנט, א־א?...

כאצקעלע:

איז וואס?... איך בין גארנישט ברוגז. דו וואלסט אודאי, ברוגז געווארן...

איטעלע

(פליצלונג): קינדער, לאמיר, לאמיר כאפן א מענצל פאן שלאף. כאצקעלע איז א וואויל יינגעלע.. ער איז א שטיפער, אבער ער וויינט נישט. א מחיה צו שטיפן מיט אים..

אלע קינדער

(די קינדער כאפן זיך פאר די הענטלאך און גייען

א דריידל, טופן שטארק מיט די פיס חאפּ
פרייליך מיט די קעפּלאך און זינגען).

כאצקעלע, כאצקעלע,
שפּיל אונז א קאזאצקעלע...
אין טיר באווייזט זיך א קאפּ:
קינדער גייט שלאפן..
(די קינדער פארענדיקן פריילאך דעם טאנץ)

פארהאנג.